START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1896.14

Leivick, H.
Shap : drame in fir aktn.
Vilne, 1928.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1896.14

Leivick, H., 1888-1962.
Shap : drame in fir aktn.
Vilne : Vilner farlag fun B. Kletskin, 1928.
135, [3] p. ; 21 cm. Ale verk fun H. Leyvik. Geklibene verk / fun H. Leyvik ; [5]

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Lithuania-Vilnius II. Leivick, H., 1888-1962. Works. 1925 ; 5.

ID : NXYH02-B1656 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /17952

Reduction ratio X 10.0

אלטע ווערק

פון

ה. לייוויק

ה. לייוויק

שאַפּ

דראַמע אין פיר אַקטן

ווילנע—1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

פּערזאָנען:

זוואָלף,
גאָלד, באָסעס.

היימי,
פיליפּ, קאָטערס. (צושניידער)
לייבל,

באַרקאַן, דעזיינער.
ליפּמאַן, אָפּערייטאָר.
בער, פּרעסער.
שלמה־חיים, פּרעסער, עלטערער ייד.
מינע, אָפּערייטאָרן.
ראַיע, אָפּערייטאָרן.
גוידי, פינישערן.

קיידי, סיידי, דער אַלטער לייזער (היטער פון שאַפּ), ערשטער אָפּערייטאָר, צווייטער אָפּערייטאָר, ערשטער שטאַרקער, צווייטער שטאַרקער, יינגערמאַן, ווייבל.

וואָלף — געוועזענער רעוואָלוציאָנער אין דער אַלטער היים.

PRINTED IN POLAND

H. Lejwik — „Szap".
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

ערשטער אקט

שניידער־שאַפּ, פּענצטער אין גראַטן. רעכטס צוויי קאַטער־טישן. אויף איינעם ארבעט היימי. אויפן צווייטן פיליפּ און לייבל. לינקס, אויף א טישל באַזונדער, ארבעט באַרקאַן דער דעזיינער. א פּאָר שפּאַן פון אים, ראַיע די אָפּערייטאָרן. נאָך איר די אָפּערייטאָרס ליפּמאַן און מינע. צווישן דעם קאַטער־טיש און אָפּערייטאָרס, א טיש, אויף וועלכן עס ארבעטן די פּרעסערס בער און שלמה־חיים. צווישן די פּרעסערס און אָפּערייטאָרס, א טישל, אויף וועלכן עס ארבעט גוידי. צווישן די קאַטערס און פּרעסערס — הויך־פּאַרלייגטע טישן מיט סחורה, קליידער און קאַסטנס, אזוי, אז עס באַקומט זיך כּמעט א וואַנט, וואָס צעטיילט דעם שאַפּ אויף צוויי.

בּאַ דער טיר א גרויסער זייגער, אויף וועלכן יעדער אריינקומענדיקער ארבעטער קלאַפּט אָפּ די צייט אויף א קאַרט.

ווען דער פּאָרהאַנג הייבט זיך אויף, זעט מען א מאָדנע בילד. דער אַלטער לייזער קערט דעם שאַפּ מיט א לאַנגן בעזים. און די מאַשינען, ליידיקע, דרייען זיך און רוישן. דער אַלטער ווייזט אויס, האָט בעלאַזט די עלעקטריק און האָט הנאה פון דעם־דאָזיקן איינפאַל. ער קערט און טאַנצט אונטער שווער און קאָמיש. דער זייגער ווייזט פינפצען מינוט פאר אכט אין פרימאָרגן. אין דעם קומט אריין וואָלף, איינער פון די באָסעס

וואָלף

מי־ שרעק

וואָס איז דאָ ?

לייזער

א צעטומלטער לויפט שנעל און שטעלט אָפּ די עלעקטרישע קראַפט, קערט זיך צוריק, שטאַמלט, ווי איינער, וואָס מען כאַפּט בא אַן עברה

ס'איז אַזוי זיך.

וואָלף

וואָס מיינסטו אַזוי זיך ?

לייזער

נו. זיי מיר מוחל. אַן עוולה טאַקע. אָט עפּעס אַ נאַרישקייט אַזאַ. ס'ווערט אומעטיק אַמאָל, טו איך עס. זיי מוחל.

וואָלף

ניין, איך בין נישט מוחל. וואָס הייסט עפענען די עלעקטריק ! איר וועט דאָך צעברעכן אַלע מאַשינען, אַלע נאָדלען.

לייזער

ביסט געדעכט, מער נישט.

וואָלף

שטעלט זיך באַם שניידטיש, לייגט אויס סחורות, שניידט מיט א שער

עובר בטל.

לייזער

קערט

וואָלף

וויפיל מאָל האָב איך אייך געזאָגט, אַז אַ שאַפּ דאַרף מען אויס[illegible]רן אין אָוונט נאָך דער אַרבעט, נישט אין פרימאָרגן.

לייזער

נו, שריי נישט אויף אַן אַלטן חבר, וואָלף.

וואָלף

ווידער דאָ מיטן חבר. איך האָב אייך פינפציק מאָל געזאָגט: רופט מיך נישט חבר. אַז איך האָב מיט אייך געוווינט אין איין דאַרף אין סביר, — איז וואָס ? — — אַזאַ שטויב, צו אַלדי טייוולאָנים ! אויב איר וועט נאָכאַמאָל קערן דעם שאַפּ אינדער־פרי —

לייזער

אָבער שאַ, שריי נישט.

וואָלף

וויפיל מאָל געזאָגט אייך, איר זאָלט מיך אירצן ! מענטשן קומען, ביזנעס־לייט — איר קריכט מיר אַריין מיטן „דו“. פאַרוואָס צו מר. גולדן —

לייזער

מר. גולד איז דאָך אַ היגער. פאַר אים וואָס בין איך, ווער בין איך ?

וואָלף

אין בין אויך אַ היגער. אַלטע היים — אויס, אויס. איך בין אויך ווי גולד.

לייזער

אָבער ווי קען איך —

ווּלף

אָן אַרגומענטן. דאַטס=אָל. סיידן אייך אַרט נישט פאַרן דזשאַב.

ליזער

לאַכט פאַרלוירן

ווּלף

איר לאַכט נאָך ?

ליזער

צעטומלט

נוּ, אדרבא. זאָל זיין אירצן.

פויזע

ווּלף

מאַכן מיך קראַנק. לאַנדסלייט. פויזע דערציילט מיר בעסער, וואָס רעדט עפּעס אַזוינס דער שאָפּ ? אָט מכּוח דעם גענעראַל=שטרייק וואָס דאַרף קומען.

ליזער

וואָס ווייס איך ?

ווּלף

רעדן דאָך די אַרבעטער וועגן מיר, מסתמא, — ניין ?

ליזער

וואָס איז דאָ צו רעדן ?

ווּלף

אָט. כ׳מיין, מכּוח מיר. אַ באָס — הייסט עס. דער שאָפּ האָט מיך פיינט, מסתמא, האַ ?

ליזער

נישט געהערט אַזוינס.

ווּלף

נישט געהערט ? איר ווילט נישט אויסזאָגן. איר האָט מיך אויך פיינט, איך זע דאָך.

ליזער

נישט שיין אָפּצולאַכן פון אַן אַלטן חבר.

ווּלף

נוּ, גענוּג מיט אייער קערעניש.

עס קומט אריין גולד. אַ יינגערמאַן אין די דרייסיקער, אַ שטרענגער, אַ קאַלטער. ציילט זיינע ווערטער. ווירקט מיטן קוק. קוקט אויף אַרבעטער פון אויבן אַראָפּ. אַלע מיטלען כשר פאַר אים. דערפילט ער אָבער, אַז ער פאַרשפילט, ברעקלט ער זיך נישט, גיט נאָך, און איז ווידער דער זעלביקער. דער אַלטער ליזער, ווי ער דערזעט אים, אנטלויפט מיטן בעזים אין הינ= טערגרונט

גוּלד

גרוסט זיך

וואָס פאַר אַרגומענטן אַזוינע ?

ווּלף

אַן אַלטער תּרח. איך הייס אים צוהערן זיך, וואָס דער שאָפּ רעדט מכּוח דעם שטרייק, און ער —

גוּלד

שלאָגט איבער

נישט נייטיק אַזוינס.

ווּלף

וויכטיק צוּ וויסן, וואָס דער שאַפּ טראַכט.

גוּלד

שאַפּ טראַכט נישט.

ווּלף

ס'וועט דאָך זיין אַ שטרייק.

גוּלד

זאָל. וועל קיין יוניאָן נישט אַרויפלאָזן אַהער.

ווּלף

אַ קוק אַ מענטש האָט עס! פויזע אָבער קומען פאַרטאָג און צו־שניידן אַרבעט —

גוּלד

נישט נייטיק אַזוינס.

ווּלף

נישט נייטיק?

גוּלד

באַ מיר וועט מען אַרבעטן אין שטרייק אויך, אפשר איר --

ווּלף

וואָס איך?

גוּלד

נישט קיין יוניאָן־שאַפּ דאָ, און וועט נישט זיין. אייך קען זיך אפשר פאַרגלוסטן יוצא זיין. איך דאַרף נישט יוצא זיין. מיין געוויסן איז ריין.

ווּלף

ווער זאָגט אייך, אַז איך וויל יוצא זיין?

גוּלד

דער אַמאָליקער בונדיסט קראַצט אין אייך.

ווּלף

איך בין אפשר אי־צט אויך אַ סאָציאַליסט.

גוּלד

מיט חוזק

סאָציאַליסט. פויזע נישט אומזיסט האָט דער שאַפּ פאַר אייך קיין אָפּשיי נישט.

ווּלף

נישט אַלע האָבן דאָך אַ פּנים ווי אייערס, וואָס גיט נישט קיין שמייכל.

גוּלד

צו קיין שאַפּ שמייכלט מען נישט פויזע וואָס מיינט שאַפּ? — אַרבעטן. גייט צו צו אים נאָנט וואָס פאַר אַ קאָלנער אַ מענטש טראָגט עס! שמוציק! פירמע איז פירמע! נישט קלויז, נישט „בונד“.

ווּלף

הערט אויף.

גוּלד

אָט די גרינהאָרנס אייערע, — איך דאַרף זיי נישט אין שאַפּ. קי־קערס, איך וועל קיין יוניאָן נישט אַרויפלאָזן אַהער.

װ ו ל ף

װאָס קען איך טון ? באַקאַנטע, לאַנדסלײַט — קומען בעטן אַר־בעט.

ג ו ל ד

שאַפּ דאַרף נישט קײן באַקאַנטע. נעגערס, אינזשעניערס, כינעזער. שאַפּ דאַרף האָבן הענט. פּויזע דער שטרײַק קען זײַן זאָל זיך אָנהײבן אפילו מאָרגן.

עס קומט אַרײַן באַרקאַן, גריסט זיך, גײט צו צו זײַן פּלאַץ

ג ו ל ד

צו אים

נו, איך האָב נעכטן מיט אײַך גערעדט —

ב אַ ר ק אַ ן

װעל —

ג ו ל ד

איך רעד מיט אײַך אָפן.

ב אַ ר ק אַ ן

װעל —

ג ו ל ד

מיר װעלן זײַן דזשענטלמען אײנער צום אַנדערן. דערזעט װי עס קומט אַרײַן הײמי, גײט צו שנעל צו אים, לײגט אַרויף אַ האַנט אויף זײַן אַקסל. הײמי געשמײכלט װי גײט עס, הײמי ?

ה י י מ י

פײַן, מר. גולד.

ג ו ל ד

װאָס מאַכט די פאַמיליע ?

ה י י מ י

טײַנקס, מר. גולד.

ג ו ל ד

האָסט גערעדט מיט מיר װעגן אַ רײז — *)

ה י י מ י

איך בין אַ פאַמיליע־מאַן, פיר קינדער.

ג ו ל ד

גײ אין אָפיס — הײמי אָפּ. גולד דערזעט, װי עס קומט אַרײַן מ י נ ע. זאָגט צו װאָלפן אָט איז די דאַמע אײערע מיט די גרויסע אויגן. דער שאַפּ קוקט צו איר אַרויף. רעדט זיך מיט איר דורך.

װ ו ל ף

פשוט פרעגן צי זי װעט שטרײַקן ?

ג ו ל ד

האַרט

יאָ, פרעגן, פשוט פרעגן.

גולד אָפּ אין אָפיס אַרײַן, קאָפּ פאַרריסן. מ י נ ע גײט פאַרבײַ װאָלפן, גריסט זיך מיט אַ קוים באַמערקטן נויג, װיל פאַרבײַגײַן

---

*) הוספה

וו ו ל ף

נישט דרייסט

מינע —

מ י נ ע

פאַראַכטלעך

וואָס פאַרלאַנגט איר ?

וו ו ל ף

וואָס אַזוי שטרענג ? נו, פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע, אַז איך בין באָס און איר אַן אַרבעטערין בײַ מיר —

מ י נ ע

צוליב וואָס פאַרגעסן ?

וו ו ל ף

שטאַמלענדיק

נו, כאָטש צוליב אונזער אַלטער פרײַנטשאַפט. איר מיינט — איך האָב פאַרגעסן — אונזער סיביר.

מ י נ ע

סאַרקאַסטיש

אַזוי ? נישט פאַרגעסן ? אַ דאַנק אײַך, אַמאָל איז אָבער געווען וואָלפזאָן, נישט וואָלף. וואָלפזאָן איז געשטאָרבן.

וו ו ל ף

און וואָלף ?

מ י נ ע

אַ באָס !

וויל אוועקגיין

וו ו ל ף

פאַרהאַלט זי

זעט איר, וואָלט איר שוין געווען אויסגעהאַלטענער, ווען איר קומט אײַנגאַנצן נישט בעטן בײַ מיר קיין אַרבעט.

מ י נ ע

דאָס איז מײַן ווייטיק. אַ גאַנץ יאָר אַרומגעגאַנגען ליידיק. איבע־ריקנס, וואָס איז דער חילוק ? די מערסטע באָסעס הײַנט זענען אַלע אַזוינע געוועזענע כלומרשט־סאָציאַליסטן, ווי איר.

לאָזט זיך גיין

וו ו ל ף

מינע —

מ י נ ע

מײַן נאָמען איז מיס גערמאַן. וואָס פאַרלאַנגט איר ?

וו ו ל ף

פאַרלוירן

גאָרנישט.

מינע קוקט אים אָן שאַרף. זעצט זיך בײַ איר מאַשין. אין דער צײַט זענען אָנגעקומען די מערסטע אַרבעטער. מען הערט, ווי זיי קלאַפּן אָפּ זייערע קאַרטן אויפן זייגער. הייבן אָן פאַרנעמען זייערע פּלעצער. וואָלף אָפּ. ק י י ד י א ו ן ס י י ד י טאַנצן אַרײַן

ק י י ד י

ווו ביסטו געווען נעכטן בײַנאַכט, סיידי.

ס י י ד י

וואָטס מעדער ?

קיידי

געוואַרט אויף דיר, אַלע באַיעס האָבן געוואַרט אויף דיר.

סיידי

וועלן זיי מאָרגן אויך זיין די באַיעס?

קיידי

יאָ. זאָלסט קומען. דער באַי מיט די גלעזער פרעגט זיך נאָך אויף דיר.

סיידי

דיין פּאַ שרייט שוין נישט, וואָס די באַיעס קומען?

קיידי

ניין, ער שרייט שוין נישט. איך גיב אים אַוועק מיין גאַנצע פּיי... יעס סער, שי איז מיי בייבי.

סיידי

נאָכטאַנצנדיק

נאָ סער, דאָן סיי מעי בי.

סיידי און קיידי טאַנצן צו צו זייערע מאַשינען, זעצן זיך אַוועק. גוידי שפּרינגט צו האַסטיק צו איר טיש, זינגט אי־בערן שאַפּ: „דריי זיך, רעדעלע, דריי זיך". היימי קומט אַרויס פון אָפיס אין שאַפּ צוריק מיט אַ צופרידן פּנים, פאַר־נעמט זיין פּלאַץ. גולד קומט אַריין ווידער, דערזעט בערן, רופט אים אין אַ זייט און שמועסט מיט אים. ליפּמאַן קומט צו צו זיין מאַשין אַנטקעגן מינען

ליפּמאַן

שטיל, כמעט ווי פאַר זיך

גוט מאָרגן, מינע.

מינע

גוט יאָר. איר ווייסט עפּעס נייעס?

ליפּמאַן

ניין און איך וואַרט נישט.

מינע

איז זיצן אָט־אַזוי־אָ און קריכן מיטן לייב, מיטן לעבן אין דער מאַשין אַריין — און זינקען אין איר —

ליפּמאַן

אַך נו —

מינע

און שטאַרבן אין איר —

ליפּמאַן

איז שטאַרבן —

מינע

איר האָט דאָך מיר נעכטן צוגעזאָגט עפּעס, ליפּמאַן; אַנדערש זיין — שטאַרק זיין.

ליפּמאַן

נו, ס'איז מיר אומעטיק.

מ י נ ע

נאָך אונזער נעכטיקן געשפּרעך נאָך אַלץ אומעטיק ?

ל י פּ מ אַ ן

איך אַרבעט אויף זיך. איך וויל אייך פאָלגן. איך וויל אַליין זיין אַנדערש.

מ י נ ע

געדענקט־זשע, ליפּמאַן, — שטאַרק זיין, אין נאָמען פון אונזער חברשאַפט.

ל י פּ מ אַ ן

כאַפּט איר האַנט

אין נאָמען פון אונזער חברשאַפט. מער ווי חברשאַפט. מער.

ב ע ר

ווי ער איז געשטאַנ־ן און גערעדט מיט גולדן, גיט א שפּרונג אַפּ מיט כעס

וואָס מיינט איר ? מיט אַ פינף דאָלאַר מיך אָפּקויפן ?

ג ו ל ד

לאָזט אים איבער און אַפּ

ב ע ר

גיים צו צו זיין טיש, צום צווייטן פּרעסער שלמה־חיים

געזען אַזוינס ! ער מיינט, איך בין עפּעס אַן אויסוואורף ! נישקשה, איך בין טאַקע אינדערהיים געווען אַ באַלעגאָלע. אָבער אַזוי ערלעך ווי אַן אַמעריקאַנער באַס בין איך צו יעדער צייט.

עס קומט אריין פ י ל י פּ, א פּראַגטל, און אויך ל י י ב ל. לייבל גייט צו צו גוידין מיט האַסט

ל י י ב ל

איך בין בייז אויף אייך.

ג ו י ד י

פאַרוואָס ?

ל י י ב ל

פיליפּ רעדט אייך אָן, און איר פאָלגט אים. ער איז אַ פלאַפלער, אַ גאָרנישט.

אַפּ צו זיין פּלאַץ, די מאַשינען הייבן אָן גיין

ג ו י ד י

דריי זיך, רעדעלע, דריי זיך
טאַנץ, נאָדעלע, טאַנץ.

פ י ל י פּ

צו היימין

אָבער וואָס אַזוינס האָט מר. גולד מיט דיר גערעדט ?

ה י י מ י

לאָז אַרבעטן.

פ י ל י פּ

האָסט דאָך אַליין אָנגעהויבן.

ה י י מ י

לאָז אַרבעטן.

פ י ל י פ

קריכסט צופיל אין אָפּיס.

ה י י מ י

שרייט

אָבער לאָז אַרבעטן !

ל י י ב ל

אייביק קריגן זיי זיך. מיאוס !

פ י ל י פ

צווייטער מאָנאַט אין שאַפּ און מישט זיך שוין.

ל י י ב ל

וויפיל דאַרף מען דאָס זיין דאָ צו זען די מיִאוּסקייט ?

ה י י מ י

אַ קליינ'קייט — באַרקאַנס קאָזין.

היימי און פיליפ לאַכן

ל י י ב ל

אַן אַרבעטער ווי איר אַלע.

ה י י מ י

מיר לערנען אים פאַר אַ קאַטער, און בײַ אים איז דאָס גאָר'נישט אָנגעלייגט.

ל י י ב ל

אַ יחוס !

ה י י מ י

שרייט

גוידי, גוידי, לואי איז שוין ווידער בייז.

ג ו י ד י

איי לייק הים.

פ י ל י פ

היט זיך, היימי, ער וועט נאָך באַלד ווידער כאַפּן אַ שער, חי נעכטן, דערפאַר וואָס דו רופסט אים לואי.

ה י י מ י

אַ מענטש זאָל נישט וועלן ליידן, אַז מען רופט אים לואי.

ל י י ב ל

בלייך

איך זאָג, איר זאָלט אויפהערן.

פ י ל י פ

שטיקט אין זיך דאָס לאַכן

היט די ביינער, היימי.

ל י י ב ל

מיט טרערן

אַזוי ווי צווישן קרימינאַלניקעס, אין אַ תפיסה.

ג ו י ד י

זינגט

וואָס האָב איך, וואָס דאַרף איך ?
אַ שפּיגעלע האָב איך — וואָס פעלט מיר ?

שלמה־חיים

שאַ, אַ ביסל שטילער.

גוידי

געפעלט אייך נישט, ווי איך זינג ?

שלמה־חיים

רייסט אין די אויערן.

גוידי

נאָך העכער

קומט, באָיעס, טאַנצן,
קומט, באָיעס, הוליען
און קויפט מיר אַ לאַליפּאַפּ.

געלעכטער

שלמה־חיים

אַז דער שאַפּ באַלעוועט זי.

גוידי

נעמט מיך אויס היינט נאַכט, מיסטער שלמה־חיים.

שלמה־חיים

טפו !

בער

בעט מיך, גוידעלע.

גוידי

איר וועט נאָך מיינען אויף אַן אמת.

בער

און אַז אויף אַן אמת ?

גוידי

איך האָב ליב יינגע באָיעס.

זינגט

איך בין אַ באַלעגאָלע,
און האָב מיר מיינע פערד.

בער

דאָס איז שוין אויף מיין חשבון —

שלמה־חיים

אַז איך זאָג דאָך — אַ משומדתטע.

בער

אַ וווּיל קינד. איך האָב דיך ליב, גוידי.

גוידי

אוי, ס'איז מיר גוט, ער האָט מיך ליב.

באַרקאַן

שרײַענדיק

דאָטס ענאָף !

גוידי

שמירט אָפּ באַרקאַנען מיט אַ קרים. אין דער ווייט צו ליפּמאַנען

מיסטער ליפּמאַן, איר זענט נאָך אין כעס אויף מיר ? ליפּמאַן ענטפערט

ניעט איך האָב אייך באַליידיקט נעכטן. איך בעט אייך איבער, מיסטער ליפּמאַן.

ל י פּ מ אַ ן

ענטפערט ניעט

ג ו י ד י

מיסטער ליפּמאַן, איך בין אַ שלעכט מיידל, איר זענט אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער, אַ פרעמדער.

בּ ע ר

ליפּמאַן איז נישט אין כּעס.

ג ו י ד י

אַז מען רעדט צו אים, איז אַזוי ווי מען וואָלט אים גע-שלאָגן.

בּ ע ר

ער איז אָבער אַ גרויסער קענער. אַ למדן. אין דער אַלטער היים שיער נישט אַ רב געווען.

ג ו י ד י

אַזוי ?! רופט מיסטער ליפּמאַן.

בּ אַ ר ק אַ ן

מיט געשריי און כּעס

גוידי, זאָל זיין שטיל!

ג ו י ד י

שפּרינגט אויף

איך וויל נישט, איר זאָלט רעדן צו מיר אַזוי —

בּ ע ר

גוט אַזוי, גוידי, דערלאַנג אים —

בּ אַ ר ק אַ ן

צו בערן

ווער זענט איר ?

בּ ע ר

ווער בין איך ? איך בין בער, דער געוועזענער באַלעגאָלע, און איצט בין איך בער דער פּרעסער. גענוג יחוס ?

ג ו י ד י

זינגט

מיט דער בייטש אַ כוואָשטש —

בּ ע ר

הלוואי קומט שוין טאַקע אַ שטרייק. אַ ביסעלע אויסלופטערן דאָ.

בּ אַ ר ק אַ ן

דורך די ציין

קייקס!

בּ ע ר

גיט זיך אַ לאָז צו אים

וואָס האָסטו געזאָגט ?

שיער נישט אַ געשלעג

ש ל מ ה - ח י י ם

האַלט אים אַפּ

לאָזט געמאַך. אַרבעט!

מאַכן אַ באַט

ג ו י ד י

זינגט

איך בין אַ שלעכט מיידל,
איך טאַנץ אויף אַלע קאָרנערס,
עס טראָגט אויף מיר אַ פּעס
יעדער מיסטער באָס.

עס קומט אַריין גולד, גייט דורך דעם שאַפּ מיט האַסטיקע טריט. נעמט דורך אַלעמען מיט די אויגן. ווי ער קומט אַריין, גייט דורך איבערן שאַפּ אַ „ששש" — אַלע נעמען זיך פלייסיקער אַרבעטן, ווערן שטיל און אַריינגעטון אין דער אַרבעט. ג ו י ד י האָט זיך געכאַפּט צו שפּעט, ווען גולד איז שוין געשטאַנען לעבן איר און זי דורכגעשטאָכן מיט די אויגן. איר געזאַנג רייסט זיך מיטאַמאָל איבער

ג ו ל ד

יו אַר העפּי.

גוידי ווערט רויט. אירע הענט גאַ דער אַרבעט נעמען ציטערן

ג ו ל ד

אַ שאַפּ, נישט קיין אָפּערע!

ב אַ ר ק אַ ן

טומלען, לאָזן נישט אַרבעטן.

ג ו ל ד

ווער?

ב אַ ר ק אַ ן

זי. און אָט דער, דער גרינהאָרן.

מ י נ ע

שפּרינגט אויף

געמיינהייט!

ג ו ל ד

קוקט זיך אַרום

וואָס?

קיינער ענטפערט נישט. גולד קוקט אויף מינען. טרעט אָפּ אויף צוריק

ג ו ל ד

צו באַרקאַנען, אַנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף דער מאַשין, וואָס לעבן באַרקאַנען, און וואָס שטייט נאָך ליידיק

ווו איז ראַיע?

ב אַ ר ק אַ ן

נישטאָ זי נאָך. פונוואַנען זאָל איך וויסן?

גולד גייט אַפּ צו דער קאַטער-אָפּטיילונג. אין דער זעלביקער צייט קומט אַריין איך וואָלף. דרייט זיך אַרום, זוכט צווישן די פּעק סחורה. היימי און פיליפּ, דערפילנדיק גולדס קוק, הייבן אָן

פלינק צו ארבעטן. איבערהויפט פיליפ — ער טאנצט אזש אונ־
טער, קלאפנדיק מיט דער שער. לייבל האלט אין אויסשפרייטן
שטיקער שטאף, אויסלייבנדיק זיי איינס אויפן צווייטן. גולדן, זעט
אויס, געפעלט נישט ווי לייבל מאכט עס

ג ו ל ד

שטייענדיק מיט די הענט אין די קעשענעס, מיט א קאלט קול

פלינקער, לואי. גלייכער.

לייבל גיט א צאפל, אבער קערט זיך נישט אום אפילו צו גולדן,
טוט זיך זיין ארבעט ווייטער

ג ו ל ד

איך רעד דאך צו אייך. לואי.

לואי איגנאָרירט ווידער און קערט זיך נישט אפ

פ י ל י פ

מיט היץ

מיסטער גולד רעדט דאך צו אייך!

ג ו ל ד

קומט צו אהער. לואי.

לייבל קערט זיך אלץ נישט אפ. אלע איבעריקע שפיצן אן די
פנימער

ג ו ל ד

בלייך

לואי!

לייבל איגנאָרירט

פ י ל י פ

ער ענטפערט נישט, אז מען רופט אים לואי.

ג ו ל ד

וואָס? צו וואלפן וואָס באַטייט עס? איך וויל דאָ נישט קיין משוגעים
הויז. ס'איז א שאפ. מיסטער באַרקאַן! באַרקאַן אײַלט צו ס'איז
אייער קוזין? איך וויל נישט אַזוינע. איך רעד צו אים און ער
ענטפערט נישט.

ב אַ ר ק אַ ן

לואי, ביסט פון זינען אַרונטער?

אלעמענס פנימער, אויך פון דער צווייטער אפטיילונג, זענען
אנגעשטרענגט. גוידי שפרינגט אפ פון איר מאשין. לייבל טוט זיך
זיין ארבעט און קערט זיך נישט אום מיטן פנים

ג ו ל ד

צו וואלפן

שיקט אים אַרונטער. וואַרפט אים אַרויס פון שאַפ.

ל י י ב ל

קערט זיך מיטאמאָל אום. יינגלשדיק, כמעט וויינענדיק

מיין נאָמען איז נישט לואי. מיין נאָמען איז לייבל. איך האָב פיינט,
אַז מען רופט מיך לואי. איך ענטפער נישט אויף לואי, איך ענטפער
נישט.

ב אַ ר ק אַ ן

וואָס הייסט?

ל י י ב ל

מיט געשריי

איך האָב הונדערט מאָל געבעטן מען זאָל מיך נישט רופן לואי.

איך האָב עס פיינט. איך קען נישט פאַרטראָגן. . . זיי מיינע אַלע. אַז ס'איז אַ שפּאַס. אַז איך בין ערשט זעקס מאָנאַטן אין לאַנד. קענען זיי זיך לוסטיק מאַכן איבער מיר. איך וועל נישט דערלויבן. איך האָב אַן אייגענעם נאָמען. איך האָב פיינט לואי. איך וועל געבן מיט אַ שער אין קאָפּ.

כּאַרקאַן

ביסט אַ גרינהאָרן. מיסטער גולד רעדט צו דיר און דו ענטפערסט נישט.

אָפּ צו זיין טיש

לייבל

און אַז מיסטער גולד, איז וואָס? יאָ, איך בין אַ גרינ־האָרן.

גולד

צו וואָלפן

האַנדלט איר מיט זיי.

אָפּ

וואָלף

אויף מיין לעבן נאָך נישט געזען אַזוינס.

היימי

אויף וואָס אַ מענטש קען זיך עס איינעקשענען. אויף אַ נאָמען. אַ טייערע מציאה — אַ נאָמען. און וווּ? -- אין אַמעריקע! מען דאַרף משוגע זיין. אויף בּילעטן. כּ'לעבן.

פיליפּ

שוין איינמאָל אַ טעאַטער!

גוידי

אויף איר פּלאַץ צוריק

בראַוואָ, לייבל.

וואָלף

האסטיק צו גוידען

נאָר טומלען!

גוידי גיט אַ קוק אויף וואָלפן, קען זיך נישט איינהאלטן פון לאַכן

וואָלף

וואָס בין איך אייך?

גוידי

דאָס, וואָס איר זענט.

וואָלף אַן אויפגעלאָפענער אָפּ, נישט זאָגנדיק גאָרנישט

שלמה־חיים

וועסט פאַרלירן דעם דזשאָב, גוידי, אַזוי ווי לייבל.

גוידי

וועלן מיר טון אַ שידוך ביידע.

בער

וואָס וועט זאָגן פיליפּ?

גוידי

געזען אַזוינס. ער וויל אויך נאָכמאַכן גולדן, אַלע ווילן באָסעוון.

אַלע. איך זאָל אים זאָגן — וואָס איז ער מיר. אַ נודניק — אָט וואָס ער איז.

מען ארבעט

בער

דערציילט עפּעס, ר׳ שלמה־חיים, איינע פון אייערע מעשהלעך.

שלמה־חיים

אַך, וואָס רעדט איר.

בער

איר האָט דאָך אַ סך מעשהלעך.

שלמה־חיים

נישט קיין גוטער טאָג היינט צו דערציילן.

בער

פאַרוואָס נישט קיין גוטער ?

שלמה־חיים

איר זעט דאָך. אַ שלעכטער טאָג. אַ שווערער.

בער

זאָגט מיר, ר׳ שלמה־חיים, אין גן־עדן וועלן מיר אויך אָט־אַזוי־אָ שטיין גאַנצע טעג און פרעסן קליידלעך ?

שלמה־חיים

אַך, לאָזט געמאַך —

בער

צי אין גן־עדן וועלן וואַקסן קליידלעך אויף די ביימער אויסגע־פּרעסטע שוין ?

שלמה־חיים

אפריער באַוואָרנט זיך מיט אַ פּלאַץ אין גן־עדן —

בער

וואָס, מיך וועט מען נישט אַריינלאָזן אין גן־עדן ? אויף צוויי פּאַר פערד וועל איך אַריינפאָרן. —

אלע לאַכן

אין דער צייט איז אריינגעקומען ראַיע, אַן אַלטע מויד מיט אַן אויסגעהאָרעוועט, קרענקלעך, כאָטש נישט מיאוס, פּנים. זי קומט צו צו איר מאַשין. גריסט זיך נישט מיט קיינעם. מען זעט, אַז זי איז נישט אויפגעלייגט. גייט צו צו באַרקאַנען. באַרקאַן, זעט מען, פילט זיך עפּעס נישט גוט, ווען זי קומט צו

ראַיע

שטיל, דורך די ציין

איר האָט דאָך צוגעזאָגט פאַרפאָרן נאָך מיר מיט דער מאַשין.

באַרקאַן

איך האָב פאַרגעסן.

ראַיע

איך זיץ און וואַרט און וואַרט, ווי אַ גולם. אַ שטונדע צייט.

באַרקאַן

ס׳איז מיר פון זינען אַרויס.

ראַיע

מיט טרערן

ווי טוט עס אַ מענטש אַזוי ?

באַהקאַן

נישט איצט, ראַיע, איך בעט אייך.

ראַיע

פאַרצווייפלט

איצט, נישט איצט — אַלציינס.

באַרקאַן

נישט אין שאַפ, ראַיע.

פיליפ

ו׳י אַלטע מויד זעגט שוין.

באַרקאַן

פּליז, ראַיע.

ראַיע

איר פייניקט מיך!

גיט זיך אַ זעץ אַנידער לעבן איר מאַשין מיט אַ היסטעריש געוויין.

איבערן שאַפ לויפט דורך אַ ציטער

באַרקאַן

אַרבעט, אַרבעט. ס׳איז גאָרנישט. צו ראַיען ששש... ראַיע.

ראַיע פאַרשטיקט זיך. זיצט מיט אַ געבויגענעם קאָפ

וואָלף

לויפט אַריין

וואָס איז דאָ געווען?

באַרקאַן

גאָרנישט, מיסטער וואָלף.

וואָלף

צו ראַיען

אַזוי שפּעט.

גוידי

שפּעט, שפּעט, שפּעט.

וואָלף

צו גוידין

איך רעד נישט צו אייך. שווייגט. קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן אין פאַרלוירנקייט. גייט צו פלוצלינג צו מינען וואָס קוקט איר אויף מיר אַזוי? וואָס?

מינע

דערשראָקן פון פלוצלינגדיקייט

וואָס ווילט איר?

וואָלף

אָן קאָנטראָל איבער זיך

איך וויל דאָס נישט ליידן. דאָס איז שדים ווייסן וואָס. איך וועל נישט פאַרליידן.

מינע

מיסטער וואָלף, איר זענט פון זינען —

וואָלף

מיט קולות

וואָס זינען? ווער זינען? איך וועל אייך אַלעמען אַרויסיאָגן פון

דאַנען. איך קען אייך. איך קען אייך. פאַ־שטאַמלט זיך אַז—אַז—אַ איך בין נאַר אַ באָס, און נישט מער. האָב איך אַ רעכט צו שרייען, האָב איך אַ רעכט מיר זאָל נישט געפעלן זיין אייער אַרבעט. כאַפּט און שלײַדערט צו דער ערד שטיקער אַרבעט מינעס געפעלט מיר טאַקע נישט אייער אַרבעט. געפעלט מיר נישט. גרויסע, לאַמע שטעך, טויג אויף צע־ טויזנט כפּרות.

גיט אַ שמיץ די אַרבעט אָן מינעס מאַשין און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג. אַלע זענען איבערראַשט פון אַזאַ אויסברוך מצד וואָלפן. מיטאַמאָל שפּרינגט אַרויס ליפּמאַן, לאָזט זיך לויפן נאָך וואָלפן, פאַרלויפט אים דעם וועג, און מיט אַ בלייך פּנים שרייט ער אויס

ליפּמאַן

שטייט, זאָג איך.

וואָלף

וואָס איז?

ליפּמאַן

איר זאָלט שוין אומקערן זיך און בעטן אַנטשולדיקונג.

וואָלף

וואָס?

ליפּמאַן

די מינוט זאָלט איר עס טון.

כאַפּט אָן וואָלפן פאַרן לאַץ

עס ווערט אַ טומל, היימי און פיליפּ שלעפּן אויף צוריק ליפּ־ מאַנען

וואָלף

שטאַמלענדיק און פאַרלוירן

זאָל זיין שטיל.

ליפּמאַן

האָט נישט מורא. איך האָב נאָך מיין האַנט אויף קיין מענטש נישט געהויבן. כאָטש ער האָט עס פאַרדינט.

וואָלף

איר נעמט זיך אָן פאַר אייער שכנטע, זי האָט אַליין אַ מויל...

מינע

לויפט צו, כאַפּט אָן ליפּמאַנען פאַר אַ האַנט

גייט צו אייער מאַשין.

ליפּמאַן

רייסט אַרויס זיין האַנט מיט כעס

בעט מיך נישט. אַ יאָר צייט שוין, אַז איך אַרבעט דאָ. איר מיינט אייך אַלע — אָט אַ מענטש אַ שווייגנדיקער, אים גייט קיין זאַך נישט אָן. אייך גייט קיין זאַך נישט אָן! מיר גייט אָן. אָט ווי אַ קנויל צערייסט זיך, אַזוי צערייסט זיך אין מיר דאָס שווייגן. צום טייוול, אַ כאַפּ טון אָט אַזוי־אָ אַ פּרעסל און אין אַ שויב אַריין . . . לויפט אַרום אַ באַלעבאָס. און שרייט מיט אַ קראַנקען געשריי. איך ווייס דאָך אייער געשריי, איך ווייס דאָך.

וואָלף

וואָס ווייסט איר?

ליפמאַן

טרעט צו צוריק צו זיין מאַשין, זעצט זיך נישט. רעדט שטייענדיק, קוקנדיק ערגעץ ווי אין אַ פוסטקייט אריין

עס מוז דאָך אויפרייסן. עס מוז דאָך! ווער זענען מיר אַלע? זיצן ווי די גולמס מיט די קעפּ צו די נאָדלען. אַלע. און ווער איז ער. דער באָס, כּלומרשט? אַ פאַרלוירענער. אַ שטאַמלדיקער, אַ נישט.

וואָלף

רעדט. איך שרעק מיך נישט.

ליפמאַן

איר שרעקט זיך יאָ. שטענדיק. שטענדיק. אויך איצט האָט איר מורא. באַליידיקונג — אָט וואָס איר זענט פאַר מיר. פאַר אַלעמען. אין אייך קלאָגט אַ פאַרוויסט לעבן. אונזער פאַרוויסט לעבן. מיט אַן אַנדערן באָס קען מען קעמפן. מיט אייך קען מען דאָך אפילו נישט קעמפן.

וואָלף

קעמפט.

ליפמאַן

קעמפן — מיט וועמען? מיט אונזער אייגענער באַליידיקונג? איר זענט אונזער אייביקער דורכפאַל. איר וועט אייביק זיין אונזער דערמאַנונג, אונזער בטול, און מיר וועלן אייביק זיין געשלאָגן. אייער קראַנקער געוויסן שלאָגט נישט אַזוי אייך, ווי אונז.

וואָלף שווייגט

ליפמאַן

אַ סך געוועזענע רעוואָלוציאָנערן, ווי איר, זענען געוואָרן בייזע קרענקלעכע באָסעס, נו, מען אַרבעט, מען שווייגט — שווייגט אויך! כּעס דען קלייבט זיך אין מיר? נישט כּעס, נאָר אומזין. אונזער

אַלעמענס אומזין. — טאָ שווייגט אַז מיר שווייגן. איך זיץ שוין איבער אייערס אַ מאַשין העכער אַ יאָר. און אַלע האַלטן אין איין קייען אייער נאָמען, אייער אַמאָליק רעוואָלוציאָנער לעבן, עס עקלט אַזש. ווייזט אויף ראיען און אָט זיצט זי און כליפּעט, ווי איינע, וואָס האָט פאַרשפּילט איר לעבן. און אָט זיצט נאָך איינע ווייזט אויף מינען און בייסט די ליפּן.

ראַיע

מיט געוויין

איך בעט אייך וועגן מיר נישט רעדן.

ליפמאַן

איר זאָלט זיך שוין אַנטשולדיקן פאַר מיס גערמאַן.

שפּרינגט ארויס ווידער פון זיין פּלאַץ

מינע

שפּ ינגט אויך אויף

איך וויל נישט זיין אַנטשולדיקונג.

ליפמאַן

אויסער זיך

איך פאָדער.

מינע

שטעלט זיך צווישן ליפּמאַנען און וואָלפן, מיט באַפעלנדיקן טאָן צו ליפּמאַנען

איך הייס אייך גיין צוריק צו אייער מאַשין.

ליפּמאַן זעצט זיך צוריק אויף זיין פּלאַץ. מ נע קוקט שאַרף און שטום אויף וואָלפן. וואָלף אַ וואַקלדיקער, אַ טויט-בלאַסער, שאַרט

זיך ארויס פון שאַפּ. מינע גייט צו צו איר מאַשין, שטייט אַ
געליימטע לאַנג, גיט אַ זעץ מיט דער האַנט אָן מאַשין און שרייט
אויס: „אַט אזוי וועט עס בלייבן? ביזוואַנען?" אַלע שפּרינגען
אויף מיט צאָרן. ערשטער אַפּרייטאָר טוט אַ קלאַפּ מיט דער
שטול און שרייט אויס: „ביזוואַנען? אַ כאָליערע אין די זייטן!"
אין דעם קומט אריין גולד. מיט קאַלטע, שאַרפע אויגן, שטום
און פאַרריסן, בלויז מיטן קוק נאָר, צווינגט ער יעדן ארונטער-
צוזעצן זיך און אָנהייבן אַרבעטן. די לעצטע זעצט זיך ארונטער
מינע. די סצענע שפּילט זיך אָפּ שטום. מאַשינען רוישן.

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט

אויפן דאַך פון דער געביידע פון שאַפּ. אין מיטן צוויי גרויסע
פיר-קאַנטיקע קוימענס. דער דאַך האָט ארום זיך אַ נידעריקע
אַרומצוימונג. פון אַלע זייטן שטרעקן זיך ווענט פון אנדערע גע-
ביידעס-שפּעפער. אין הינטערגרונט — דעכער און טורעמס פון
דער שטאָט. מיטאָג-צייט. צווישן צוועלף און איינס. די אַרבעטער
פון שאַפּ קומען ארויף אהער פאַרברענגען. ווער עס עסט דאָ זיין
עסן, ווער עס קומט ארויף, נאָכדעם ווי ער האָט ערגעץ אַנדערש-
ווו אָפּגעגעסן. מען כאַפּט דאָ אַ שמועס, אַ טענצל. פון די פענצטער
פון די אַנטקעגנדיקע שעפּער קוקן פון צייט צו צייט אַרויס קעפּ-
לעך פון בחורים און מיידלעך, מאַכן מיט די הענט און פלירטעווען.
ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך, זיצט אַ גרופּע אָפּרייטאָרס הינטער
די קוימענס און עסט. יעדער פאַר זיך מיט אַ פּעקעלע. צום
פאָרנט צו, אויף דער זייט קוימען, האַרט צו דער וואַנט, זיצט
ל י פּ מ אַ ן, די קני אויפגעשטעלט און דער קאָפּ פאַרוואָרפן אויף
די קני. לעבן אים ליגט עפּעס אַ פּעקל, אַ נגעדרייט אין אַ צייַ-
טונג. ל י י ב ל שטייט אין אַ ווינקל מיטן פּנים צו דער שטאָט.

ע ר ש ט ע ר אָ פּ ר י י ט אָ ר

(עסט און ווינקט מיט אַ האַנט צו אַן אַנטקעגנדיק פענצטער, פון-
וואַנען עס קוקן ארויס פנימער פון מיידלעך)

וואַרט אַ ווײַלע, זיסע עפּעלעך, איך וועל אַראָפּשלינגען פריער
מיין אוגערקע.

צווייטער אָפּרייטאָר

די עפּעלעך קענ׳צן נישט וואַרטן. זיי קענען זיך שוין נישט איינ־האַלטן.

דריטער אָפּרייטאָר

בּעני איז שוין דאָ מיט זיינע חכמות.

ערשטער אָפּרייטאָר

שטעלט זיך אויף, שיקט לופט־קישן

צווייטער אָפּרייטאָר

קוש פאַר אונז אַלעמען.

דריטער אָפּרייטאָר

פאַר מיר נישט.

צווייטער אָפּרייטאָר

ער קען אַליין קושן.

דריטער אָפּרייטאָר

נישט צעלאָזן אַזוי די צינגער —

צווייטער אָפּרייטאָר

אַ צונג איז נישט קיין נאָדל — וועט זיך נישט איבּערבּרעכן —

ערשטער אָפּרייטאָר

און אַרבּעט נישט אויף עלעקטריק, מען זאָל דאַרפן שפּאָרן — שרייט העי, וואָס אַנטלויפט איר, מיידעלעך — העי, פּאוּטלעך, ליפּעלעך...

דריטער אָפּרייטאָר

גענוג, אָט זיצט ליפּמאַן.

ערשטער אָפּרייטאָר

נו, זיצט ער. אַרויסגעשפּרונגען קעגן מיסטער וולפן; וואָס־ווער־וועמען? — און אָט ווידער שטום. אַזוי פיל צדקות! אַי־אַי! גע־רעדט — וואָס? שטאַמלעניש. מיט אַ בּאָס דאַרף מען רעדן האַר־טע רייד —

דריטער אָפּרייטאָר

נו, איך בּין אַ בּעלן צו הערן —

ערשטער אָפּרייטאָר

איך האָבּ פיינט פוילע שטיק. אַז מען וויל אַ קאַוואַליער זיין! איך, הייסט עס, שטעל זיך איין פאַר אַ ליידי. ווי הייסט זי דאָרט — מינע. איכל אין די אויגן זאָגן צו ליפּמאַנען צו אַ בּאָס דאַרף מען רעדן האַרטע רייד.

ליפּמאַן

וואָס מיינט איר?

דריטער אָפּרייטאָר

סזאַפּ!

ערשטער אָפּרייטאָר

איך בּין אַ פּראָסטער חי־וקים. אַ מאַשין איז — וואָס איז אַ מאַשין? אָ כאָליערע איר אין די זייטן. און אַ בּאָס דאָסזעלבּיקע. איין כאָליערע איז ווייניק — און נישט אַזוי ווי איר, — אָנגעשטעפּט זיידענע שטעך — אָנגערעדט צימעס רייד.

ליפּמאַן

גייט צו אַלדי רוחות.

דריטער אָפּרייטאָר

נו, גענוג.

שלעפּט דעם ערשטן צוריק

ליפּמאַן

איר רעדט נאָך ? שווייגט בעסער אַלע. רייסט זיך ווי די קעץ פאַר באַ:דלס. מיט די נעגל אין פּנים. שלינגט איין דעם שאַפּ מיט די מאַשינען מיט די געדערים צוזאַמען.

ערשטער אָפּרייטאָר

צדיק ! גיסט מיט בוימל ; *צו די פענצטער* מיידעלעך, ווו זענט איר, קוקלעס — לישייעס אייך אויף די ליפּעלעך. *צו לייזערן, וועלכער איז אַרויפגעקומען* האַלאָ, מיסטער לייזער, וואָס הינגע־ריק?

צווייטער אָפּרייטאָר

ווען איז מיסטער לייזער זאַט ?

ערשטער אָפּרייטאָר

אויף מיסטער וואָלפן געזאָגט געוואָרן.

לייזער

טשעפּעט נישט וואָלפן, ברידערלעך.

ערשטער אָפּרייטאָר

בעל־טובה אייערער, אַ כאָליערע אין די זייטן. היט אים דעם שאַפּ. היט אים. און געהאַלט — קדחת *גיט אים ברויט* עסט.

לייזער

אַ דאַנק, ברידערלעך. און וואָלפן טשעפּעט נישט. *שטיל* אָט, מיסטער גאָלדן שאַנעוועט איר.

ערשטער אָפּרייטאָר

מיסטער גאָלד ? — אוודאי. נו, יאָ. מיסטער גאָלד דרייט נישט מיטן פּיסק. מיסטער גאָלד זאָגט : הענטורעס — גיט אַר׳כעט. מיסטער גאָלד זאָגט : מאַשינען, מאַשינען. אוודאי — אַז סט׳קומען די צייט, וועט ער קריגן איבערן פּאַקעטל — אַ כאָליערע אין די זייטן אריין ; — און דער — אייער וואָלף. — כע, כע, כע, מאַכט ער ; קריכט נאָר אין סאָציאַליסטישע קאַמפּיינעלעך, סאָציאַליסט געווען — קראַנק צו צאָלן אייך גענוג אויף עסן כאָטש —

לייזער

איך האָב צו אים קיין טענות נישט. איך בין שוין אַלט, קראַנק וואָס בין איך ווערט ? און ער איז אַ ביזנעסמאַן. אַ דאַנק וואָס איך האָב כאָטש דעם שאַפּ ווו צו שלאָפן.

דריטער אָפּרייטאָר

איר קענט זיך מיט אים פון סיביר טאַקע ?

לייזער

אויפגעצאַפּלט

אָ ! אָ ! אוודאי. שייך רעדן. אָ, ברידערלעך. אין איין עטאַפּ גע־גאַנגען. סיבירער טראַקט. אַלעקסאַנדראָווסק. בוראַטישע סטעפּן. אַ יינג בחורל געווען. ער, וואָלף, אַ שיינער, אַ מאָלאָ־דיעץ.

דריטער אָפּרייטאָר

זינגט

דאָרט, ווו עס קייקלט זיך די לענע —

לײזער

מיט טרערן

זינגט, ברידערלעך, אָט שטײט זי פֿאַר מײַנע אויגן, שלעפּ די פֿיס די געשמידטע. שלעפּ. עך, מאַמעלע לענע. איר זידלט װױלפֿן — באָס. װאָס פֿאַר אַ באָס? עך, עך. איך װײס בעסער.

ערשטער אָפּרײטאָר

װאָס װײסט איר? מירן שטרײַקן בײַ אים. בײַ אײערן. מיר שטרײַקן בײַ אײער מאָלאָדיעץ. נו, װאָס? װילט איר נישט קײן ברויט?

שפּאַרט אים נעמט, נעמט.

לײזער

נעמט און רוקט אין קעשענע

מען דאַרף גײן דעם שאַפּ אויסקערן.

לאָזט זיך גײן

ערשטער אָפּרײטאָר

איז װי געפֿעלט אײַך עפּעס אַמעריקע, מיסטער לײזער? װאַטשמאַן בײַ קאַפּיטאַל זײַן?

לײזער

לאַכט. לאַכט.

אַפּ

דריטער אָפּרײטאָר

זינגט

דאָרט שטײט זיך אַ קלײנינקע יורטע —

ראַשיקע קלאַנגען פֿון דזשעז דערטראָגן זיך פֿון ערגעץ

צװײטער אָפּרײטאָר

װאָס יורטע — װער יורטע? — אָט!

צעלאָזט זיך אין אַ טופּערײַ

ערשטער אָפּרײטאָר

און אַז מיר װעלן שטרײַקן -- איז װאָס װעט ער טון דער מאָלאָדיעץ אײערער? ער װעט ברענגען שטאַרקע אַ טקעגן אונז! יעס, סער! אײנער האָט אַ שאַפּעלע. און דער צװײטער איז אַ שומרל פֿון שאַפּעלע — העי, מײדעלעך, פּראָלעטאַרישקעס, מירן אַרויס אין שטרײַקעלע — װעט זײַן צײַט פֿאַר אײַך, קוקלעס.

דריטער אָפּרײטאָר

מען װעט אַרויס, מען װעט אַרויס. פֿאַרפֿוילט װערן — װאָס? אָבער אַ שאַפּ איז דען בײַ אונז? אַ װײַבערישע שול. קײדיס מיט סײדיס.

ערשטער אָפּרײטאַר

שלעפּן זײ פֿאַר די האָר אין שטרײַק אַרײַן

דריטער אָפּרײטאָר

אונזערע מענער קענען אויך פֿײַן אַ סקעב טון —

ערשטער אָפּרײטאָר

נישט דערלעבן! ער ציט זיך אויס כאַפּן אַ שלאָף, ברידער.

די איבעריקע ציען זיך אויך אויס

מינע קומט אַרויף. װיל צוגײן צו ליפּמאַנען, האָט חרטה און לאָזט זיך גײן אויף צוריק. ליפּמאַן שפּרינגט אויף בלײַך, זײַנע ליפּן טרוקן

ליפמאַן

איר זענט טאַקע ברוגז ?

מינע

שטאַרק.

ליפמאַן

סטייטש !

מינע

אייער אַרויסשפּרינגען קייגן ווולפן איז געווען לעכערלעך.

ליפמאַן

איר אויך?

מינע

ערשט איך. יושר זוכט איר דאָ ? יושר מאָנען — באַם באָס ?

ליפמאַן

שטיל

באַ ווולפן —

מינע

איך זאָג — באָס, וואָס זאָגט איר מיר — ווולף ?

ליפמאַן

וולף האָט אייך ליב.

מינע

איך האָב אייך געבעטן דאָס נישט דערמאַנען פאַר מיר קיינמאָל.

ליפמאַן

מיך האָט אויפגעקאָכט. ער האָט אייך באַליידיקט.

מינע

ס'איז שאַפּ. אַנטקעגן שאַפּ דאַרף מען אַרויסשטעלן נישט קיין רייד, נאָר כּוח. — אַזוינע אומזיסטע רייד גערעדט. באַליידיקונג. . . אין אַלץ זוכט איר מענטשלעכקייט; און דער סוף איז — איר וווּנ־דיקט ! — פון יעדן סאָרט איינשטעלן זיך עקלט.

ליפמאַן

אפילו ווען דו שטעלסט זיך איין פאַר אַ מענטש, וואָס דו האָסט ליב?

מינע

קוקט אויף אים לאנג, צעלאכט זיך מיט פרייד, גיט אים אַ צי פאַר די הענט צו זיך

גוט אַזוי, ליפּמאַן, גוט.

ליפמאַן

און פונדעסטוועגן קריגט איר זיך שטענדיק מיט מיר אַרום.

מינע

אין שאַפּ וועל איך זיך מיט אייך אייביק קריגן. איר האַלט זיך ווי אַ פרעמדער דאָ, איר פאַרשטייט נישט, וואָס שאַפּ איז. באַ אייך איז שאַפּ — אָדער צופאַל, אָדער אָנשיקעניש, און, אַלע מאָל, עפּעס אַ שטיק אומזין.

ליפמאַן

און וואָס איז שאַפּ פאַר אייך ?

מינע

שפּאַרק

קלאַס!

ליפּמאַן

יאָ, יאָ.

מינע

און — מאַכט!

ליפּמאַן רוקט זיך אַוועק צו דער וואַנט, דאָס פּעקל פון זיין האַנט פאַלט אַרויס

מינע

וואָס איז דאָ אין פּעקל?

ליפּמאַן

הייבט עס אויף, ווערט רויט. נאָך אַ שטילשווייגן

אַייך אַ קלייד —

מינע

אָט דאָס קלייד. וואָס איר האָט גענייט אין די מיטאָג־שטונדן?

ליפּמאַן

איר ווילט עס נישט?

מינע

ווי איר זענט מאָדנע.

ליפּמאַן

וואָס מאָדנע?

מינע

מיט צופרידנקייט

גוט אַזוי, פאַרקערט, מיר געפעלט עס.

ליפּמאַן

איר נעמט עס?

מינע

געוויס, געוויס.

דריטער אַפּריטאָר

ליגנדיק

אין געזאַלצענעם ים פון די מענטשלעכע טרערן
געפינט זיך אַ שרעקלעכער תהום

ווערט שטיל

מינע

גייט צו צו לייבלען

וואָס שטייט איר אַליין די גאַנצע צייט?

לייבל

איך וויל זיין אַליין.

מינע

איר ציט שוין אָן אויף זיך אַזאַ עלנט.

לייבל

עלנט קומט אַליין.

מינע

איר זענט נאָך אַזוי ייִנג.

לייבל

איינגעקשנט

נו, איז וואָס? -- ייִנג, איז וואָס? אָט קריכן שפּיצן פון מויערן אין הימל אַריין — אין מיטן העלן טאָג. זענען זיי שוין אַלט. וואָס?

מינע

אָבער אויף וואָס קוקט איר אַזוי לאַנג דאָרט?

לייבל

שטאָט.

דערווייל איז אַרויפגעקומען ראַיע, געשטעלט זיך בא דער וואַנט, אַריבערגעבויגן זיך מיטן קאָפּ אַריבער

מינע

וואָס טוט איר? בייגט זיך נישט אַזוי.

ראַיע

ביטער

דאָס שוואַרצע יאָר וועט מיך נישט נעמען.

מינע

אָבער בייגט זיך נישט אַזוי. מען קען נאָך —

ראַיע

וועט מיין מאַשין פאַרנעמען אַן אַנדערע אַלטע מויד.

לויפט אַרונטער האַסטיק. מינע, לייבל, ליפּמאַן קוקן זי אָן דער-

שטוינטע. פון אַנטקעגן — דזשעז. טאַנצנדיקע פּאָרלעך זעען זיך, ווי באַוועגנדיקע שאָטנס

לייבל

אין דער לופטן אַריין

מען קען משוגע ווערן.

לאָזט זיך אויך אַרונטער צו גיין

מינע

פאַרהאַלט אים

וואָס איז אַזוינס, לייבל?

לייבל

צעטראָגן

אָט. קוקט. הערט. טאַנצט.

שפּ

ליפּמאַן

אויפגעציטערט, פּליסטערט

טאַקע משוגע צו ווערן, האַסטיק צו מינען מיר רעדן אַלע וועגן אַרבע-טער-קלאַס, סאָלידאַריטעט — און אָט, ראַיע — אַ קעלט גייט דורך איבערן האַרץ.

מינע

קוקט אים אָן שטרענג

אַ קעלט? יאָ. דער שאַפּ דאַרף טאַקע פייער אין די ביינער. אַ ריכטיקן שטרייק דאַרף ער.

ליפּמאַן

וואָס קען העלפן ראַיען שטרייק?

מינע

וואָס איז ראַיע? ווער איז ראַיע? — איר גלייבט נישט אין אַר־בעטער־קלאַס.

ליפּמאַן

אויפגעעגט

אַך! גלויבן. וואָס הייסט? קוקט — טעמפּע גלייכגילטיקייט צום גורל פון צווייטן. איר אויך אַזוי.

מינע

האַסטיק, בייז

איר פּראַוועט רכילות.

ליפּמאַן

צוואָנציק יאָר, אַז זי זיצט באַם מאַשין — ראַיע. אַלץ פאַרשפּילט. וואָס איז איר לעבן? קבצנישער דאָרשט נאָך אַ שטיקל אָפּפאַל פון גליק. זוכט זי דאָס ביסל אָרעמע גליק. קען עמעצער זאָגן אַ שלעכט וואָרט, וואָס זי קריכט נאָך און בעטלט באַ אַזוינעם ווי באַרקאַן? קוקט, ווי דער שאַפּ באַציט זיך צו איר?

מינע

דער שאַפּ איז גערעכט. דער שאַפּ האָט פיינט באַרקאַנען — האָט ער אויך פיינט ראַיען. זייער נאַטירלעך.

ליפּמאַן

אומזין. און אַז טויזנט גערעכטן? אַז צוואָנציק מיטאַמאָל נייען אַרבל. צי הויזן. זענען זיי שוין — וואָס? גערעכטי־קייט אַליין? דערפאַר ווייל זיי זענען צוואָנציק? אומזין. איר חוזקט. וואָס איך זוך מענטשלעכקייט — וואָס דען זאָל איך זוכן?

מינע

פעסט

ווען איר וואָלט נישט געווען ליפּמאַן פאַר מיר, וואָלט איך —

ליפּמאַן

וואָס?

מינע

פאַרהאַקט זיך

איך האָב אייך איינמאָל געזאָגט, אַז שאַפּ איז מאַכט. איך זאָג עס נאָכאַמאָל. און וועמעס מאַכט? אונזערס, — ווען אַלע צוזאַמען. און שטרייק — אונזער יום־טוב, אויך, — ווען אַלע צוזאַמען. נישט אַליין זיין, ווי איר, נאָר אַ טייל פון אַ קלאַס.

ליפּמאַן

און אַז קלאַס, מעג מען שוין דעם צער פון אַזוינער, ווי ראַיע, טרעטן אונטער די פיס?

מינע

בלייך

ווען איר וואָלט נישט געווען ליפּמאַן פאַר מיר, וואָלט איך —

טוט אַ שמיץ דאָס קלייד, וואָס ליפּמאַן האָט איר געגעבן. אָפּ מיט האַסט, איבערלאָזנדיק ליפּמאַנען אין פאַרגאַפונג.

קיידי און סיידי קומען אַרויף, לאָזן זיך אַוועק טאַנצן, דרייען זיך לייכט, ווי פליגן, אַרום די קוימענס און די אַפּרייטאָרס. ליפּ־מאַן אַ צעטומלטער, מיט ווייטיקדיקן שמייכל אויפן פנים, קוקט נאָך ווי זיי טאַנצן

קיידי

אין טאַנץ

שלאָפן די קאַוואַליערן.

סיידי

סאם קאוואַליערן.

קיידי

אַ ליכטיקער הימל, קוק.

סיידי

און באַיעס אין פענצטער אין אַלע.

ווארפן לופט-קושן

קיידי

צו ליפמאַנען

איר ווילט טאַנצן?

ליפמאַן

ניין.

סיידי

אין אפשר יאָ?

קיידי

און אפשר ניין?

סיידי

אפשר יאָ, אפשר ניין, אפשר יאָ —

דרייען זיך אין אַ רינג צו ליפמאַנען

ליפמאַן

רוקט זיך מיט דער פלייצע צום ארויסגאַנג

ניין, ניין.

פֿאַ

קיידי

מיסטער גולד — אַ שיינער, יאָ?

סיידי

אָ, זייער.

ראַיע קומט ארויף ווידעראַמאָל

קיידי

זי איז שוין דאָ די אַלטע מויד.

סיידי

נעכטן האָט מיך מיסטער גולד געפירט אַהיים מיט זיין מאַשין.

קיידי

היינט וועט ער מיך פירן.

סיידי

הי איז איי דזשענטלמען.

קיידי

אָ, איי נייס דזשענטלמען צו ראַיען מיט חוזק קומט טאַנצן.

ראַיע קערט זיך אוועק פון זיי

סיידי

טאַנצט מיט אונז, טאַנצט מיט אונז.

קיידי

אפשר ניין, אפשר יאָ, אפשר ניין.

טאַנצן ארונטער מיט חוזק-געלעכטער, באַגעגענען זיך אין טיר מיט באַרקאַנען, שלאָגן זיך אָפּ אָן אים. שרייען אויס: בו. פֿאַ

באַרקאַן

צו ראַיען נישט דרייסט

איך זוך אייך אַרום.

ראַיע

גאַליק

נו, געפינט מיך.

באַרקאַן

איר מאַכט, אַז דער גאַנצער שאַפּ זאָל מיך באַרעדן.

ראַיע

שטאַרקט זיך נישט צוזאמענברעכן

מיר גיסט זיך בלוט פון האַרץ.

באַרקאַן

בלוט. בלוט. איך האָב פיינט אַזוינע רייד.

ראַיע

איך ווייס, איר האָט מיך פיינט.

באַרקאַן

נישט דאָס האָב איך געזאָגט.

ראַיע

איר דאַרפט שוין נישט זאָגן.

באַרקאַן

רעדט שטילער.

ראַיע

עס שרייט אין מיר. איר פייניקט מיך. איר האָט דאָך שוין געמאַכט פון מיר —

באַרקאַן

הערט אויף.

ראַיע

וואָס פאַרלאַנג איך דען? אַ ביסל ווייכקייט. אַ וואַרימען שמייכל.
מיט אַ פאַרשטיקט קול פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ.

באַרקאַן

איר מאַכט אַ וועזן פון אַזאַ קלייניקייט, וואָס איך האָב פאַרגעסן קומען נאָך אייך.

ראַיע

און וואָס איז געווען נעכטן נאַכט? נעמט אַרום איר קאָפּ איך ווייס, אַז ס'איז מיאוס, וואָס איך רעד אַזוי. אַ בעטלערין. אַ גאַנץ לעבן אין עלנטקייט באַ דער נאָדל, אַרויסגעקוקט אויף אַ מענטש. ערשט איר טראַכט זיך אויך — אַן אַלטע מויד, מען קען טון מיט איר וואָס מען וויל, און דערנאָך —

באַרקאַן

לייגט אַרויף אַ האַנט אויף איר אַקסל

איך בין נישט אַזאַ גזלן.

ראַיע

אייער צוזאָג חתונה האָבן — וואָס וויל איך דען? אַן אייגן ווינקל. רו אַ ביסל.

באַרקאַן

איך האָב אייך אָבער געזאָגט: אַ פריער איינאָרדנען אַ ביזנעס פאַר זיך אַליין. מירן אַליין עפענען אַ שאַפּ. איך האָב געטראַכט: דער סעזאָן קומט. ערשט, איר הערט דאָך, אַ שטרייק רוקט זיך גאָר.

קוקט זיך ארום טאָמער אַ שטרייק —

ראַיע

שפרינגט אויף

איך פאַרשטיי וואָס איר מיינט.

באַרקאַן

וואָס אַזאַ ציטער אויף אייך?

ראַיע

מיט שרעק

סקעבן?

באַרקאַן

איך האָב געוווּסט, אַז איר וועט אַריינפאָרן מיט אייער פרום־קייט.

ראַיע

אויסער זיך

מיר זענען אַרבעטער. כאַפּט אים אַן פאַר אַ האַנט באַרקאַן!!

באַרקאַן

רייסט ארויס זיין האַנט

איך זאָג פריער, איך וועל נישט שטרייקן.

אָפּ

ראַיע

מיט די הענט אויפן קאָפּ

ווּהין טרייבט מיך דעררעזיקער מענטש?

עס קומט אַרויף מינע, זעט ווי ראַיע שטייט מיט די הענט אי־בערן קאָפּ

מינע

וואָס איז אייך, ראַיע?

ראַיע

לאָזט מיך.

אָפּ אַרונטער. עס קומט אַרויף וואָלף, מינע שפּאַנט אַרום הין און צוריק

וואָלף

ווי ער וואָלט זיך ווערגן.

איך וויל מיט אייך רעדן.

מינע

מיט אויגן צו דער ערד

רעדט.

וואָלף

פאַרגיט מיר.

מינע

גיט אַ מאַך מיט דער האַנט

אַך!

וואָלף

שנאה האָט דאָך אויך אַ גרענעץ.

מ י נ ע

לאָזט מיך צורו.

וו ו ל ף

פאַרוואָס אַזויפיל פאַראַכטונג?

מ י נ ע

אייך טוט עס וויי?

וו ו ל ף

יאָ.

מ י נ ע

איך האָב אייך אַרויסגעריסן פון מיין האַרץ.

וו ו ל ף

פון אַזויפיל ליבע —

מ י נ ע

מיט ציטער

גייט אַוועק!

וו ו ל ף

נו, אמת, איך האָב זיך צופיל אַריינגעצויגן אין ביזנעס, אין געלט. אַז דאָס גאַנצע פריערדיקע לעבן מיינס האָט זיך צעוואַקלט, פונאַנדערגעפאַלן. און איר זענט נישט געווען דאָ... איך בין געווען אַליין... וואָס האָב איך פון מיין געלט? איך שריי. מיין לעבן איז אויסגעליידיקט... אַ באָרדער באַ גולדן... אָן פריינט, אָן ליבשאַפט.

מ י נ ע

איר האָט דאָך אַ סך געלט — קויפט אייך ליבשאַפט.

וו ו ל ף

די ציין קלאַפן אים

נו, פאַרקויפט זיך.

מ י נ ע

גייט אַוועק פון דאַנען.

וו ו ל ף

אַ וואַקלדיקער

איר האָט זיך אַריינגעשלייכט אין שאַפ צו מיר ח״ו אַ בייזע דערמאַנונג. אַזוי ווי צו נעמען נקמה פון מיר.

מינע קערט זיך אַוועק, פאַרכאָרגט איר פנים

וו ו ל ף

צוועלף יאָר זענען אַוועק פון דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך צעזעגנט אין דערפל דאָרט, אין סיביר. יאָ, אמת, ס׳איז גרויס דער שפרונג פון דעם, וואָס איך בין געווען אַמאָל און פון דעם, וואָס איך בין איצט. איך האָב מיך געלאָזט אַריינגעשלונגען צו ווערן פון דעם היגן לעבן. און דאָס היגע לעבן איז בייז, מינע, בייז און עסט אויף. גיט זיך אַ כאַפ ניין, ניין, איך בעט נישט קיין אַנטשולדיקונג. איך וויל זיך נישט פאַרענטפערן... יאָ, איך בין זיך מודה: איך האָב אָן אַלץ און אַלעמען פאַרגעסן. אפילו אָן אייך —

מ י נ ע

א׳ז דאָך גוט. געקומען צום ריכטיקן תכלית.

ווולף .

שטיל

אָבער זינט איר זענט אַריינגעקומען אין שאַפּ צו מיר, פיל איך, אַז אַלץ אין מיר ווערט צעריסן. מינע, איר זענט ווי אַ שווערד אויף מיין האַלז. פּויזע גורל, אָדער צופאַל האָט אייך אַוועקגעזעצט באַ מיינס אַ מאַשין איר זאָלט אָטעמען אויף מיר מיט שנאה און פאַראַכטונג. צו וואָס זענט איר געקומען בעטן באַ מיר אַר-בעט ?

מינע

מיט א בלייך געזיכט

איר זעט פאַר מיר אַ באָס, ווי אַלע באָסעס.

ווולף

הייס איך אייך נישט קומען מער ! זוכט אייך אַ דושאַב! קומט אין אָפיס, איך וועל אייך באַצאָלן.

מינע

איר האָט נישט קיין רעכט מיך אַרונטערצושיקן.

ווולף

שרייט

איך האָב רעכט ! איך האָב ! לאָזט זיך צו דער טיר, בלייבט שטיין נו, און אַז איך וועל זיך אָפּזאָגן פון שאַפּ ?

מינע

קוקט אים אָן שארף

נישט צוליב מיר. צוליב זיך.

עס קומען אריין היימי, פיליפ, בער. פיליפ מיט א הארמאָשקע אין מויל. ווולף אָפּ האסטיק

היימי

קוק זיי אָן די אָפּרייטאָרס, אויסגעלייגט זיך ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן.

בער

אויפשטיין. אויפשטיין.

פיליפ

טאַנצן.

שלעפט די שלאָפנדיקע פאר די פיס. יענע כאפן זיך אויף

ערשטער אָפּרייטאָר

אַ כאָליערע.

היימי

אָן-רופן די מיידלעך פון אַנטקעגן. מיסטער בער, איר זענט דאָך אַ בריה.

זיי אלע דריי ווינקען מיט די הענט צו די אנטקעגנדיקע פענצ-טער. די אָפּרייטאָרס קומען אויך צו

בער

שרייט

שפּרינגט איבער אַהער. שטרעקט אויס זיינע אָרעמס איך וועל אייך אַריינכאַפּן אין מיינע ידים.

ערשטער אָפּרייטאָר

ידים פון אַ פּרעסער. ער וועט אייך אויספּרעסן, מיידע-לעך.

בער

דאָס אָפּרייטאָרל דברט שוין —

פיליפ

איך וויל טאנצן, צו אלדי שווארצע יאר. צו מינען איר טאנצט?

מינע

נישט איצט.

גוידי לויפט ארויף אן אימפעטיקע קייכנדיק פון געלעכטער

פיליפ

גוידי, גוידי — טאנצן.

גוידי

אי מיינע זייטן! איך וועל עס נישט אויסהאלטן. אזוינע יאלדן.

אלע

וואס? וואס?

גוידי

אין אימפעט פון לאכן

צוויי נייע אפרייטארס בא אונז. א פאר טעג ערשט. א ייִנגערמאן און א יינג ווייבל. פרעמדע איינע צו די אנדערע.

ערשטער אפרייטאר

זיי זיצן דאך לעבן מיר. נו? נו?

גוידי

מיינען מיר, אז זיי קענען זיך נישט איינער מיטן צווייטן, ערשט — איך גיי אויסגעפינען א שטיקל ווארע צווישן די פאר־שטעלטע טישן, איז וואס מיינט איר? — זיי זיצן זיך ביידע אונ־

טער א טיש ארומגענומען, און קושן זיך... דער גאנצער שאפ איז אויף.

עס לויפן ארויף א ייִנגערמאן און א יינג ווייבל פארסאפעטע, און אלע פון שאפ נאך זיי. אויך לייבל. טומל, געלעכ־טער

יינג ווייבל

צו גוידין

מרשעת.

גוידי

דרייט זיך און ליארמט

יאלדן אזוינע. אז מען וויל זיך קושן מיט א פרעמדן מאן, דארף מען זיך באהאלטן אונטער א טיש? יאלדן.

יינג ווייבל

נישט קיין פרעמדער. ער איז מיין מאן.

גוידי

אייער מאן? און איר קושט זיך מיט אים אונטערן טיש? הורא!

גרויס געלעכטער.

יינג ווייבל

א באנטש מיט מערדער! —

מינע

פארוואס האט איר טאקע געדארפט פארלייקענען, אז איר זענט מאן און ווייב?

י י נ ג װ ײ ב ל

איך האָב נישט געװאָלט מען זאָל װיסן, אַז איך גײ אַרבעטן נאָך דער חתונה. איר װײסט דען נישט, װאָס שאַפּ איז? ס׳איז דאָך אַ װאַלד מיט גזלנים. איך האָב נישט געװאָלט, מען זאָל װיסן, אַז מײַן מאַן קען נאָך נישט מאַכן קײן לעבן. איר זעט דען נישט — אַרבעטער זענען דאָס? בלוט־צאַפּער. *חײנט, טײטלט אויף גוידין זי איז* שולדיק.

י י נ ג ע ר מ אַ ן

צו גוידין

װען איר זענט נישט קײן פרוי, װאָלט איך זיך מ׳ט אײך אָפּגערעכנט *נעמט דאָס װײבל פאַר אַ האַנט* קום פונדאַנען.

ל י י ב ל

האַסטיק צו גוידין

איך האָב געמײנט, איר זענט בעסער, ערשט איר זענט די זעלבע חי אַלע.

ג ו י ד י

צעטומלט

לײבל, װאָס?

ל י י ב ל

מען טאָר אײך נישט ליב האָבן.

אָפּ

פ י ל י פ

אויך אַ מענטש!

ה י י מ י

פיליפּ און לײבל װעלן גײן אויף אַ דועל.

מ י נ ע

איר האָט געטון שלעכט, גוידי.

ג ו י ד י

לויפט צו צום װײבל מיט געבעט

פּליז, פּליז, איך האָב גאָרנישט געמײנט --

װ י י ב ל

שטויסט זי אָפּ פון זיך מיט כליפּעניש

שלאַנגען!

פאַרל אָפּ. גוידי שטײט אַזוי װי זי איז אויך גרײט פונאַנדערצעװײנען זיך

פ י ל י פ

שפּײַט אויף דעם, גוידי.

ג ו י ד י

צו פיליפן

אַװעקט.

פאַלט צו צום קוימען און צעװײנט זיך

מ י נ ע

װײנען איז נישט נײטיק, גוידי.

פ י ל י פ

װאָס האָט איר זיך צעיאָמערט? מען װעט הײנט נישט טאַנצן גאָר? קײדי! *שפּילט אויף דער האַרמאָשקע* קײדי! קאָם אַן!

קיידי און סיידי נעמען טאנצן. די מערסטע נאָך זיי. אין דער צייט פון טאנצן קומען ארויף אויך ליפּמאן און ראיע און בארקאַן, נעמען נישט קיין אַנטייל. אונטערן ריטם פון טאַנץ קען זיך גוידי נישט צוריקהאַלטן. איר קערפּער נעמט, נישט ווילנדיק, זיך באַוועגן, זי רייסט זיך אָפּ פון איר פּלאַץ און לאָזט זיך אויך אוועק. פיליפ כאַפּט זי און צעטאַנצט זיך מיט איר

פ י ל י פ

אָט אַזוי, גוידי, אָט אַזוי.

ל י י ב ל

לויפט פּלוצלינג ארויף מיט א ציטונג אין האנט און שר ט א צעפלאַמטער

שטרייק! דזשענעראַל-שטרייק!

עס ווערט שטיל. בער רייסט די צייטונג פון לייבלס האנט

ב ע ר

מאָרגן; הוראַ!

אַלע הייבן אויף א גרויס הורא

פ י ל י פ

וואָס אַזוינס די שמחה?

מ י נ ע

אוודאי אַ שמחה, אַ גרויסע.

ב ע ר

אוי, ועט מען כוואָשטשען.

ע ר ש ט ע ר אָ פ ר י י ט אָ ר

אָנשאַרפן אָט די צוויי באָמבעלעך.

הייבט זיינע פויסטן

ה י י מ י

מען דאַרף פונדעסטוועגן דורכשמועסן זיך.

מ י נ ע

ס׳קען דאָך גאָר קיין צווייפל נישט זיין, אַז מיר וועלן אַלע אַרונטער אין שטרייק —

ה י י מ י

יאָ, אָבער —

ד ר י ט ע ר אָ פ ר י י ט אָ ר

אָט האָט איר אייך שוין אַן אָבער, — אונזער שאַפּ איז דען אויך אַ שאַפּ? — אַ ווייבערישע שול.

ה י י מ י

ווען איר וואָלט דאַרפן געבן עסן אַ ווייב מיט פיר קינדער —

ע ר ש ט ע ר אָ פ ר י י ט אָ ר

באַגראָב זיי.

ב אַ ר ק אַ ן

אָט האָב איך נישט קיין קינדער, פונדעסטוועגן פאַרלאַנג איך אויך מען זאָל באַ מיר אַ פריער פרעגן — צי דאַרף מען איצט שטרייקן.

דריטער אָפּרייטאָר

נישט אַנדערש? מען זאָל קומען אייך פּערזענלעך פרעגן?

בער

קוקט אים אָן דעם יחוס!

באַרקאַן

מען פרעגט באַ קיינעם נישט אָן און מען באַשליסט זיך.

ערשטער אָפּרייטאָר

נו, אדרבא, שטרייקט נישט, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, דע־זייבער. נעמט אַרונטער די היטלען פאַר אים, מיסטער באַרקאַנונו.

בער

מאָרגן וועלן אַלע שעפּער געגעצן.

דריטער אָפּרייטאָר

און מיר — אין פּיקעט ליין.

לייבל

און זאָל עמעצער פּרוּוון סקעבן.

בער

אַנו! זאָל ווער פּרוּוון —

גוידי

מיר וועלן נישט לאָזן סקעבן. לייבל, איר זענט דאָך שוין נישט אין כעס אויף מיר כאַפּט אים אַרום באַיעס, פריילעך זאָל זיין, וואָס געווען איז געווען. איצט איז אַנדערש. יום־טוב. איך האָב ליב שטרייקן.

בער

הוראַ פאַר קווין גוידי!

חברה כאַפּט גוידין, הייבן זי אין דער לופטן

גוידי

מען דאַרף אויסקלויבן געזונטע חברה אויף פּיקעטן.

ראַיע

וועלכע איז בעשטאַנען באַר אָן אַ זייט

אַלע זאָל פּיקעטן.

באַרקאַן

מורמלט

מישט זיך נישט.

ראַיע

איך זאָג — אַלע זאָלן פּיקעטן!

מינע

אמת, גערעכט. אַלע.

קיידי

פון מיינעטוועגן — אַי דאָן קער.

סיידי

אַי דאָן קער טו.

גוידי

ערשט איצט קומט טאַנצן. אויף אַן אמת, לייבל, מיט מיר טאַנצן?

לייבל

שוט אַ כאַפּ גוידין און לאָזט זיך אַוועק אַ שווינדלדיקס

יאָ, גוידי.

אַלע

אַפּלאָדירן

גוידי

איר אויך, אַלע.

מינע

איצט טאַנץ איך אויך. טאַנצט מיט מיר, ליפּמאַן.

ליפּמאַן רוקט זיך אויף צוריק

מינע

איך בעט אייך —

נעמט אים אַרום שטאַרק, ליפּמאַן מיט פרייד ביים איר נאָך טאַנצן

ערשטער אָפּרייטאָר

האַ! ניו־יאָרקעלע, קוקט, אַ שטעטעלע! —

אַלע טאַנצן מיט גרויס אימפּעט. פון ווייטע געביידעס שטורעמט דזשעז און אויך הורא־געשרייען

לייזער

קומט אַרויף

מיסטער וואָלף האָט געהייסן זאָגן, אַז ס'איז שוין איינס דער זייגער. מען דאַרף אָנהייבן אַרבעטן.

גוידי

קומט אַהער, ר' לייזער, קומט טאַנצט מיט אונז.

לייזער

מיסטער וואָלף זאָגט, ס'איז שוין איינס דער זייגער.

גוידי

לאָזט אים דעם מיסטער וואָלף. ערב יום־טוב היינט. מאָרגן שטרייק, ר' לייזער.

כאַפּט דעם אַלטן און דרייט זיך מיט אים

לייזער

לאָז, טאָכטער, צו אַלט צו טאַנצן. דיר איז גוט צו זאָגן שטרייק. אָבער היטן דעם שאַפּ דאַרף מען דאָך.

גוידי

שטרייקט אויך, היט נישט.

לייזער

און טאָמער אַ פייער, חלילה?

גוידי

זאָל ברענען.

וואָלף

קומט אַרויף

שוין נאָך איינס.

גוידי

וועמען אַרט עס?

ווולף

וואָס מיינט איר?

גוידי

לאָזט עס אָפּ, מיסטער ווולף, קומט מיט אונז, צוזאַמען שטרייקן.

לייזער

כע־כע־כע, קענן ווען זאָל מיסטער ווולף שטרייקן?

גוידי

קענן זיך אַליין.

ווולף

שטייף

וויצן אייערע לאָזט אויף מאָרגן, און היינטיקער טאָג איז נאָך מיי־נער.

גוידי

גיפטיק

היינטיקער טאָג איז נאָך זיינער.

ווולף

איך זאָג — עס איז שוין נאָך איינס.

היימי און פיליפ לאָזן זיך שנעל אַרונטערגיין

קיידי

אַי דאָן קער.

סיידי

אַי דאָן קער טו.

גוידי

קומט, באָיעס, היינטיקער טאָג איז נאָך זיינער.

אַלע

מיט געלעכטער

נאָך זיינער.

דריטער אָפּרייטאָר

זינגט

שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן –

אַלע כאַפּן אויף דאָס געזאַנג, הייבן אויף זייערע הענט און בייען אַנטקעגן ווולפן. ווולף, אַ בלייכער, רוקט זיך אויף הינטער, שפּאַרט זיך צו צו דער וואַנט, אַ צוזאַמענגעבויגענער, אונטער דעם האַגל פון געזאַנג

פאָרהאַנג

דריטער אַקט

שאָפּ. טיף אין נאַכט. די פענצטער פאַרהאָנגען. מען סקעבט. פינצטערע, שרעקעדיקע שטימונג. פיליפּ, היימי, באַרקאַן, סיידי און קיידי און אַ פּאָר אַנדערע אָפּרייטאָרס. לייזער זיצט מיטן בעזים אין האַנט. גולד העלפט אַרויס. צוויי שטאַרקע שטייען באַם אַריינגאַנג

באַרקאַן

אויפגערעגט

איך האָב דאָך געבעטן מען זאָל בעסער פאַרהענגען די פענצטער, מיסטער לייזער.

גולד

גייט, מיסטער לייזער.

לייזער קריכט, פּאָרעט זיך באַם פענצטער לעבן באַרקאַנען

לייזער

ס'איז דאָך גוט פאַרהאָנגען. רבונו של עולם, וואָס האָבן זיי צו מיר אַלע מיט די פענצטער? שוין זעקסטע נאַכט. ציטערן ווי אין אַ וואַלד. אַרבעט נישט און ציטערט נישט.

באַרקאַן

מען פרעגט אייך נישט — מישט זיך נישט.

לייזער

נעמט און פאַרהאַקט די שויבן מיט ברעטער און פאַרטיק.

באַרקאַן

מישט זיך נישט, זאָגט מען אייך.

לייזער

נאַדיר אַ נייעם מין הצות!

באַרקאַן

בורטשעט דער אַלטער, נאָר ער בורטשעט.

עס דערהערט זיך פון ערגעץ אַ קלאַפּ. מען דערשרעקט זיך

ערשטער שטאַרקער

דאָן וואָרי.

לייזער

אין האַרץ רייסט זיך אָפּ פון יעדן שאָרך.

באַרקאַן

גייט אויף אייער פּלאַץ, גייט.

אַלטער אָפּ

היימי

מען וואָלט שוין סעטלען — אַן עק.

פיליפּ

נישט אַזוי גיך. —

היימי

נו, וואָס קען איך טון? אַ טאַטע פון פיר קינדער. איך אויף דיין פּלאַץ וואָלט נישט ריזיקירט.

פילים

נו, אדרבה, זאָלן די גרינהאָרנס מיך קומען אַרונטערנעמען.

היימי

מער וועט נישט פעלן. איך זאָג דעם אמת — איך האָב מורא.

פילים

איר זענט נאָך ליגנער אויך. דו און באַרקאַן. באַטאָג קריכט איר אַרום אין סטרייק־האָל — שטרייקער, כּלומרשט, און באַנאַכט — —

היימי

נו, וואָס זאָל איך טון? אַ טאַטע פון פיר קינדער.

גולד

ווער פון אייך וויל האָבן אַ בייס, באָיעס? מיסטער לייזער, די קאַווע איז פאַרטיק?

לייזער

שוין פון לאַנג פאַרטיק.

גולד

דערלאַנגט, פּליז. קומט אַהער אַלע. פאַרהאַן פרוכט אייך און קענדי, — סיידי, קיידי.

סיידי

איך גיי אַהיים.

קיידי

איך גיי אויך אַהיים.

גולד

וואָס עפּעס?

סיידי

איך האָב מורא.

כליפּעט

קיידי

איך האָב אויך מורא.

כליפּעט אויך

באַרקאַן

זאָלן זיי גיין און נישט פאַרקלאָגן די קעפּ.

גולד

צו באַרקאַנען

פּליז! צו די מיידלעך איר קענט איצט נישט גיין. נאָך איין שטונדע איך וועל אייך מיטן מאַשין אַוועקפירן. איר זעט דאָך, אַלץ איז באַוואָרנט. אָט איז קאַווע און קייק, נעמט.

סיידי

איך וויל פרוכט.

קיידי

איך וויל אויך פרוכט.

גולד

נו, גוט. אָט איז קענדי אויך. עפנט א שאכטל און טראָגט אונטער אַלעמען. אַלע נעמען, חוץ שלמה־חיים נו, און איר, ר' שלמה־חיים?

שלמה־חיים

איך וועל אויך נישט קומען מער אַרבעטן.

פיליפ

אַרבעטן און קרעכצן.

גולד

פליז, פיליפ. — ס'איז דאָ כשרער וורשט פאַר אייך, ר' שלמה־חיים. מיסטער לייזער. איר האָט צוגעגרייט כשרן וורשט?

לייזער

צוגעגרייט.

שלמה־חיים

אַ דאַנק, כ'וויל נישט עסן.

גולד גיסט אָן קאַווע, דערלאַנגט יעדן. אַלע נעמען, זאָגן: טיינקס

גולד

צו שלמה־חיים

איר טאַקע נישט?

שלמה־חיים

נאָך לאַנג אַרבעטן היינט?

גולד

נאָך אַ שטונדע. צו די שטאַרקע קאָם היר, באָיעס, העוו איי קאַפע.

ביידע שטאַרקע קומען צו, נעמען קאַווע און עסנוואַרג

גולד

נעמט קענדי אויך. נעמט.

ביידע נעמען און זאָגן אויך „טיינקס". צוריק צו זייערע פּלעצער

שלמה־חיים

שיינע שומרים, אָך און וויי.

גולד

מיסטער לייזער, גייט אַריין אין אָפיס און גיט אַ קוק צי מיסטער וואָלף איז שוין אויפגעשטאַנען.

לייזער

בין געווען דאָרט. ער שלאָפט נישט.

גולד

וואָס טוט ער?

לייזער

ער ליגט. וויל זיך נישט אויפהייבן. ביין — אַ שרעק.

גולד

עסט — איך קום באַלד.

אַפּ. אנדערע עסן, אנדערע נעמען זיך צוריק ארבעטן. קיידי און סיידי שפרינגען ארויס און כאַפּן אַ לייכט טענצל

שלמה־חיים

אַט געוויינט און אַט געטאַנצט.

פיליפ

ראַס האָב איך ליב.

ווינט זיך אליין אונטערמאַ:צנדיק

לייזער

אונטער דער נאָז, בייז, ווי צו זיך אליין

אַ העזה, אַ חרפה. וואָלף איז בייז און שעמט זיך פאַר מיר. אוודאי. קאַוועקאַך פאַר זיי. אויף מיינע אַלטע יאָרן סקעבס באַדינען.

באַרקאַן

נאָר ער בורטשעט. מיט געשריי די פענצטער זענען ווידער אַרויפגעזרוקט. צום טייוול. מיסטער לייזער!

לייזער קריכט צום פענצטער מיט גרויס כעס

לייזער

זיי וועלן מיך משוגע מאַכן.

וואָלף קומט אַרויס מיט גולדן. וואָלף — בייז, מרה־שחורהדיק, מיט צעריסענעם שלאָף אויפן פנים

וואָלף

פינצטער

טאַנצט נישט.

גולד

צו וואָלפן

איך בעט אייך, פּראַוועט דאָ נישט קיין שטיק! צו די מיידלעך איר ווילט טאַנצן אַ ביסל — טאַנצט.

וואָלף

פינצטערער נאָך

טאַנצט נישט!

מיידלעך אָפּ צו זייערע פּלעצער

גולד

צו וואָלפן

איר זענט פון זינען אַרונטער?

וואָלף

נאָך נישט.

גולד

גייט אַהיים און שלאָפט זיך אויס.

וואָלף

איך פרעג בײַ אייך נישט קיין עצה.

גולד

אָבער דאָ איז נישט קיין פּלאַץ —

וואָלף

געשריי

גענוג צו אַרבעטן!

גולד שטופּט אים אויף צוריק, פאַרשטעלט אים דאָס מויל

7

גולד

הערט אויף, זאָג איך אייך!

וווּלף

צומאַכן דעם שאַפּ! אַהיימגיין! אַלע!

גולד

איר וועט מיך אַרויספירן פון געדולד —

וווּלף

אַן ענדע זאָל נעמען!

גולד

איר שפּילט אַ שפּיל, צי וואָס? צי אַ בייזער חלום האָט זיך אייך געחלומט?

וווּלף

יאָ. אַ בייזער חלום האָט זיך מיר געחלומט. איך האָב נאָך אַ דעה דאָ. גיט אַ געשריי מיטאַמאָל סקעבס!

גולד כאַפּט אים אַרום, שלעפּט אים אַריין מיט שוועריקייט אין אָפיס. אַלע האָבן אויפגעציטערט. גולד קומט אַרויס צוריק

גולד

מיסטער וווּלפן איז עפּעס נישט גוט געוואָרן.

שלמה-חיים לייגט אַוועק די אַרבעט און לאָזט זיך אַוועקגיין

שלמה-חיים

איך גיי אַהיים.

גולד

מיט געשריי

איר זאָלט זיך שוין שטעלן אויף אייער פּלאַץ צוריק. מאָרגן, אַז איר וועט נישט וועלן קומען — געזונטערהייט. איך וועל קריגן אַנדערע. אָבער איצט, אַז איר זענט דאָ, וועט איר גיין גלייך מיט אַלעמען אַהיים. אייך האָב איך מיט געוואָלט נישט געבראַכט אַהער.

שלמה-חיים

איר האָט מיך אָנגערעדט מיט זיסע ריידעלעך.

גולד

איר זענט אַ קינד, וואָס מען קען אייך איינרעדן?

שלמה-חיים

ס'איז מיר נישט ניחא. זונה-געלט צאָלט איר אונז. איך בין אַן עלטערער ייד. איך שעם מיך.

גולד

צו אַלעמען

ער וויל אַהיימגיין פריער פון איין. איר קענט עס דערלאָזן?

היימי

מיט שרעק

ניין, ניין. אַלע צוזאַמען. לאָזט נישט, מיסטער גולד.

באַרקאַן

דאַכט זיך צוזאַמענגערעדט זיך. נו, גיי, פאַרלאָז זיך אויף אַזוינע — מאַך מיט זיי אָפּ —

שלמה-חיים

וואָס, אפשר ווילט איר אויך אחדות?

גולד

צו די שטאַרקע

לאָזט קיינעם נישט אַרויס.

ערשטער שטאַרקער

צו שלמה-חיימען

גיי אַרבעטן, אָלד מען.

שלמה-חיים

אָבער, אַז איך וויל גיין אַהיים —

ערשטער שטאַרקער

יו קענט —

שלמה-חיים

אָבער, אַז איך וויל גיין אַהיים.

צווייטער שטאַרקער

גיי אַרבעטן, גיי.

שטויסן שלמה-חיימען אויף צוריק. שלמה-חיים קען גאָרנישט מאַכן. ער קומט צו צו זיין טיש. נעמט זיך נישט מער צו דער אַרבעט. שטייט מיט דער פּלייצע צו אַלעמען די גאַנצע צייט שטום.

גולד

צו שלמה-חיימען

נישט געריכט זיך אויף אייך. ווי קומט עס צו אייך?

שלמה-חיים ענטפערט נישט

גולד

פאַר פּיקעטס דאַרפט איר נישט מורא האָבן. אויב זיי וועלן שוין אפילו יאָ דערוויסן זיך און קומען — גייט איר אייך אַלע אַרויס מיט די פייער-טרעפּ צום הויף צו. איר ווייסט דאָך ווו —

אַלע אַרבעטן. שווייגן

ערשטער שטאַרקער

בײַ דער טיר

שמענדריקס.

צווייטער שטאַרקער

קייקס.

ערשטער שטאַרקער

זעקסטע נאַכט שוין.

צווייטער שטאַרקער

שטיי און גענעץ.

ערשטער שטאַרקער

שטרייק וועט אַריבערגיין און אפילו קיין ביסל „פאָן" נישט האָבן.

גענעצן

צווייטער שטאַרקער

יעס, יעס, אַ ביסל דורכלופטערן די פויסטן.

ערשטער שטאַרקער

לאָמיר גאָר בעטן אַ רייז.

צווייטער שטאַרקער

צען דאָלאַר אַ רייז. טאָמער גיט ער נישט —

ערשטער שטאַרקער

לאָזן מיר איבער און —

צווייטער שטאַרקער

און מיר שטרייקן.

לאַכן פון איינפאַל

ערשטער שטאַרקער

מיסטער גולד.

גולד קומט צו

צווייטער שטאַרקער

מיר ווילן אַ רייז.

גולד

וואָס הייסט?

ערשטער שטאַרקער

נישט גערעדט לאַנג. צען דאָלאַר אַ רייז.

צווייטער שטאַרקער

מיסטער גולד, אויב איר זאָגט איין וואָרט נאָך —

גולד

אָלרייט, באָיעס.

קלאַפּט זיי איבער דער פּלייצע. אָפּ. מען אַרבעט. פּלוצלינג — א
קלאַפּ אין טיר. שרעק וואַקסט

גולד

צו דער טיר צו

נישט מורא האָבן.

צווייטער שטאַרקער

עפּעס אַ שטילער קלאַפּ.

ערשטער שטאַרקער

עפנט די טיר. קוקט אַרויס. זאָגט גלייך

נישט זיי, באָיעס. אַרבעט, אַ פרוי בעט מען זאָל זי אַריינ-
ל זן

באַרקאַן

מען דאַרף קיינעם נישט אַריינלאָזן —

פאַלט צו מיט זיין פּנים צום טיש

גולד גייט אַרויס, קומט גלייך צוריק מיט ראַיען. ראַיע, א בלייכע, בלאָנדזשעט אַרום מיט די אייגן. זעט אויס ווי א לונאַטישע. אַלע קוקן זי אָן שטום. נעמען זיך אַרבעטן. באַרקאַן מאַכט זיך נישט זעענדיק

גולד

וואָס האָט איר געוואָלט?

ראַיע

איך דאַרף האָבן מיסטער באַרקאַן.

גולד

מען האָט אייך געשיקט אויסשפּיאָנעווען?

ראַיע

ניין, ניין.

גאָלד

די פּיקעטס זענען הינטער אייך?

ראַיע

איך בין אַליין. איך מוז זען באַרקאַנען —

ערשטער שטאַרקער

זאָגט דעם אמת.

ראַיע

וויינענדיק

איך זאָג אמת.

גאָלד

מיסטער באַרקאַן.

באַרקאַן

קומט צו גלייך צו ראַיען

וואָס זענט איר געקומען? צו גאָלדן זי דאַרף מיט מיר עפּעס רעדן.

גאָלד אָפּ. באַרקאַן און ראַיע בלייבן אין דער צווייטער העלפט אין דער טונקל

ראַיע

מיט אימפּעט און שרעק

קומט אַהיים.

באַרקאַן

איך ווייס אַליין ווו מיין היים איז.

ראַיע

איך וועל אייך נישט אָפּלאָזן —

באַרקאַן

נו, זעצט זיך דאָ אוונוואַרט.

ראַיע

באַרקאַן —

באַרקאַן

אָדער זעצט זיך אַרבעטן — וועלן מיר צוזאַמען דערנאָך אַהיימ-גיין

ראַיע

איר וויצלט זיך נאָך.

באַרקאַן

וואָס זענט איר געקומען?

ראַיע

איך קען נישט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז איר סקעבט.

באַרקאַן

איך וויל נישט איר זאָלט מיך שפּיאָנירן. גייט ברענגט די פּיקעטס אַהער.

ראַיע

נעמט בעסער אַ שער און שלאָגט מיך איבערן קאָפּ, איידער אַזוי

צו רעדן. אין סטרייק־האָל ווייסט מען שוין סיי־ווי, אַז בּאַ גולדן אַרבּעט מען. פּיקעטס וועלן סיי־ווי קומען.

ב אַ ר ק אַ ן

איך וועל נישט זיין איבּערראַשט, אויבּ איר זענט עס געווען די, וואָס האָט אויסגעזאָגט —

ר אַ י ע

יאָ, איך האָבּ עס טאַקע געדאַרפט טון. און איך בּין נאָך געמיינער פון אייך, אויבּ איך טו עס נישט. מיין פליכט —

ב אַ ר ק אַ ן

טאָ וואָס זענט איר מיך געקומען רופן? גייט טוט אייער פליכט.

ר אַ י ע

שוין זעקס נעכט, אַז איך מאַך נישט צו מיט קיין אויג. איך בּין אַ ליגנערין. איך ווייס, אַז מען סקעבּט, און איך זאָג נישט אויס. און ווער סקעבּט? בּאַרקאַן. און בּאַרקאַן איז פאַר מיר געוואָרן אַלץ. אַז איר סקעבּט — בּין איך דאָך אויך אַ סקעבּ.

ב אַ ר ק אַ ן

איך סקעבּ נישט. איך אַרבּעט, מער גאָרנישט. איך וויל מיטן שטרייק נישט האָבּן וואָס צו טון.

ר אַ י ע

צוזאמענגעבּראָכן

גאָט מיינער. פאַרוואָס קומט עס מיר.

ב אַ ר ק אַ ן

גייט אַהיים. איך בּעט אייך.

ר אַ י ע

יאָ. יאָ. איך גיי. סיי־ווי פאַרפאַלן. לאָזט זיך גיין, קערט זיך צוריק. אין פּנים בּארקאַנען מיט געוויין און האַס סקעבּ!

ב אַ ר ק אַ ן

כאַפּט זי אָן פאַר די אַקסלען

שווייגט!

ר אַ י ע

מיט וויינענדיקן געבּעט פלוצלינג

בּאַרקאַן, ליבּער, קומט אַהיים. איך בּעט אייך.

ב אַ ר ק אַ ן

איר האָט מיך ליבּ, און איר פירט זיך אויף אַנטקעגן מיר, ווי אַ שונא. קומט בּעסער — העלפט מיר, זעצט זיך אַרבּעטן.

ר אַ י ע

גאָט מיינער.

ב אַ ר ק אַ ן

פאָלגט מיך, ראַיע. איך וועל ווערן אַנדערש צו אייך. איר וועט זען. איך וועל אייך ליבּ האָבּן. מירן מאַכן אַ סך געלט. מירן אַליין עפענען אַ בּיזנעס. איינאָרדנען אַ היים. אייגענע ווינקעלעך פיר איר ווילט דאָך אַ היים. רו.

ציט זי פאַר די הענט צו זיך

ר אַ י ע

איינגעגנצן אונטערטעניק, פאַרלוירן, גייט אים נאָך פאַרליבט. ווי אין חלום. שטאַמלט

באַרקאַן. ליבער באַרקאַן.

באַרקאַן פירט זי צו צו איר מאַשין. זעצט זי אַריין, אַלע מאַכן זיך, אַז זיי זעען נישט

ג ו ל ד

גייט צו

מירן זיך איבערבעטן, ראַיע.

ר אַ י ע

שטעלט זיך אויף

ניין, ניין, לאָזט מיך.

עס דערהערן זיך שטאַרקע קלעפּ פון דרויסן. בייז און שטורעמדיק

ג ו ל ד

פאַרלעשן די לאָמפּן.

ש ט אַ ר ק ע

נישט מורא האָבן. מיר זענען דאָ.

קלאַפּעריי ווערט גרעסער. געבראַזג, ווי עפּעס ברעכט צוזאַמען

ו ו ו ל ף

קומט אַריין

מען זאָל נישט שלאָגן.

ג ו ל ד

גייט אייך צוריק ווו איר זענט געווען.

ו ו ו ל ף

מען זאָל נישט וואַגן צורירן זיך צו עמעצן מיט די הענט!

ג ו ל ד

צו די שטאַרקע

איר הערט, וואָס איך זאָג אייך. פאַרלעשט די פייערן.

אַלע פייערן פאַרלאָשן, אַ חוץ אַ רויט לעמפּל באַם אַרויסגאַנג. פינצטער אין הינטערגרונט

ו ו ו ל ף

איך זאָג נאָכאַמאָל: נישט צורירן זיך צו קיינעם.

הינטער דער טיר שטויסעריי און מהומה

ג ו ל ד

און איך זאָג: עפנט די טיר און דערלאַנגט.

ו ו ו ל ף

שטעלט זיך באַ דער טיר

איך וועל נישט לאָזן צורירן זיך מיט אַ פינגער צו עמעצן. איך האָב אויך אַ דעה דאָ.

ג ו ל ד

מיסטער וואָלף, שטערט נישט, זאָג איך.

ע ר ש ט ע ר ש ט אַ ר ק ע ר

גיי אַוועק פון טיר.

ו ו ו ל ף

איר גייט אַוועק, באמת!

צווייטער שטאַרקער

כאַפּט אַן חולפן

אויעק פונדאַנען!

וו ו ל ף

איך וועל נישט לאָזן שלאָגן. איך וועל נישט לאָזן.

ראַנגלט זיך מיט ביידע שטאַרקע. דער אַלטער לייזער ברעכט מיט די הענט. מישט זיך אַריין, קריגט גלייך אַ שטויס אַוועק. די שטאַרקע גיבן אַ זעץ וואָלפן אַן דיל. ער פאַלט אַנידער און בלייבט ליגן. די שטאַרקע עפענען די טיר און גיבן זיך אַ וואָרף מיט די פויסטן. מען זעט גאָרנישט, מען הערט נאָר קולות. געפעכטעריי אַ פּאָר רגעס. גולד שטייט קאַלטבלוטיק און וואַרט. די פּיקעטס הינטער דער טיר האָבן געזיגט. די שטאַרקע זענען אַנטלאָפן. מינע, ליפּמאַן, לייבל, גוידי, בער און ערשטער, צווייטער, דריטער אַפּרייטאָר קומען אַריין צעפּליקטע, צעשויבערטע

ב ע ר

זיי וועלן שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו זיין שטאַרקע. ווער איז דאָ אין שאַפּ? מאַכט ליכטיק! דערזעט גולדן ווו זענען די סקעבס?

ג ו ל ד

זוכט.

ב ע ר

שמייכלט, שמייכלט. נו, פאַרוואָס זענט איר נישט קיין שטאַרקער? נישטערט, שלעפּט אַרויס פון ערגעץ אַ טויט-בלייכן לייזער ווו זענען די סקעבס?

ל י י ז ע ר

מיט געוויין

וואָס בין איך שולדיק?

ע ר ש ט ע ר אָ פּ ר י י ט אָ ר

אַ כאָל־ערע אין די ביינער. די ריפּן צעבראָכן.

מ י נ ע

דערזעט וואָלפן מיטן פּנים צום דיל.

ווער ליגט דאָ?

ג ו י ד י

אוי! ס׳איז דאָך מיסטער וואָלף אַליין.

ל י י ז ע ר

דאָס האָבן זיי אים צעשלאָגן.

ל י פּ מ אַ ן

ווער?

ל י י ז ע ר

זיי — די יונגאַטשעס. די שיינע שומרים. וואָלף האָט זיי נישט געלאָזט זיי זאָלן זיך וואַרפן אויף אייך. אויף די קני צו וואָלפן שטיי אויף. אוי, ער איז צעבלוטיקט!

וו ו ל ף

נישקשה, נישקשה. שרייט נישט.

שטעלט זיך אויף

ל י פּ מ אַ ן

ווער האָט אייך געשלאָגן?

ווּלף

ס׳מאַכט נישט, וואָס איז דער חלוק?

ליפּמאַן

נישט מיר דאָך.

ווּלף

ניין, נישט איר.

ליפּמאַן

בּאַ אייך איז צעבּלוטיקט דער שטערן.

ווּלף

עס מאַכט נישט.

נעמט ארויס א טיכל, פארדעקט דעם שטערן

ערשטער אָפּרייטאָר

א פיין שטיקעלע טרימינג אויפן שטערן, מיסטער ווּלף — הא?

ליפּמאַן

צו גולדן

און איר שטייט זיך אזוי רויק מיט די הענט אין די קעשענעס?

גולד

יעס.

אַפּ אין אָפיס אריין

בער, לייבל, גוידי און די אָפּרייטאָרס נישטערן אין שאַפּ. גיבּן מיטאמאָל א געשריי: ראַיע!

גוידי

ראַיע איז דאָ.

מען ברענגט צו פירן ראַיען. זי קען זיך קוים האלטן אויף די פיס. איר פּנים פארשטיינערט

מינע

ראַיע — איר?

גוידי

נעכטן מיט אונז צוזאַמען געפּיקעט.

לייבל

סקעבּ!

ערשטער אָפּרייטאָר

אַלטע כאָליערע. סקעבּאַטשיכע.

ליפּמאַן

איך בעט אייך איינהאַלטן זיך אַ ביסל.

מינע

זי האָט געסקעבּט.

ליפּמאַן

מינע — מיר האָבן דאָך אזוי פיל מאָל גערעדט וועגן ראַיען — איר ווייסט דאָך -- מינע.

מינע

נישטאָ קיין רחמנות.

ליפּמאַן

איך וויל הערן פון אייך אַליין, ראַיע.

ראַיע שטייט פאַרגליווערט און רעדט נישט

ערשטער אָפּרייטאָר

עפן דאָס מויל, עפן, סקעבאַטשיכע!

וואָלף

פון דער זייט

אויב ס'קען מיר זיין דערלויבט, וויל איך בעטן איינזעעניש מיט ראַיען — זי האָט נישט געסקעבט. —

מינע

ס'איז אייך גאָרנישט דערלויבט, גאָרנישט.

וואָלף

מען מעג מיר געטרויען.

מינע

שוין בעסער, ווען איר וואָלט געשטאַנען אַזוי שטייף און אונטער־שמייכלענדיק. ווי אייער צווייטער דזשענטלמען; ווער האָט אייך געבעטן איינשטעלן זיך פאַר אונז און זיין געשלאָגן? שוין בעסער. אַז איר שלאָגט.

וואָלף

מינע —

מינע

איך בין נישט מינע איצט. מיר האָבן געבראָכן אייערע טירן, מיר האָבן געשלאָגן איבער פנימער און מען האָט אונז געשלאָגן —

זי — ראַיע — זי האָט פאַרראַטן. אָט האָט נעכטן גוידי אַ גאַנצן טאָג אָפּגעוויינט, ווייל זי האָט אַ פּאַטש געטון אַ מיידל, אַ סקעב. נישט די געשלאָגענע האָט געוויינט, נאָר די שלעגערין, און איר געוויין איז געווען אונזער אַלעמענס. און אָט וויינט ראַיע, און איר געוויין איז אויך אונזערער. אָבער וואָס פאַר אַ גע־וויין איז דאָס? — נישט איר דאַרפט בעטן פאַר ראַיען. נישט איר.

וואָלף

יאָ, יאָ. איר זענט גערעכט. נישט איך... עס דאַרף אויסזען אַ ביסל קאָמיש אין אייערע אויגן, נישט אמת? מיינע אייגענע שומרים האָבן מיך געשלאָגן. לאַכט קרום יאָ, יאָ, איצט איז גוט. די שומרים זענען אַוועק. לאָזט זיך צו דער טיר און אייך דאַנק איך, מינע. אייך דאַנק איך.

אָפּ

ליפּמאַן

מיר וועלן לאָזן ראַיען אַהיימגיין. און מיר וועלן גיין אין האָל.

מינע

ראַיע וועט גיין מיט אונז אין האָל אַריין.

לייבל

עס מוז נעמען אַן עק צו דער סקעבעריי.

ערשטער אָפּרייטאָר

סקעבס מוז מען פירן אין האָל אַריין, און זאָלן אַלע וויסן —

ליפּמאַן

מינע, ווי דערלויבט איר עס? ווייסט איר דען נישט, אַז ראַיע איז אַנדערש?

מינע

יעדער איז אַנדערש. אַ זכות קען מען געפינען אויף יע־דערן.

ליפמאַן

דאָס מאָל אָבער מוז זיין אַן אויסנאַם; איך פאָדער, מינע; דאַרף איך דען אייך דערמאָנען, וואָס מיינט הונגער נאָך אַ ביסל גליק? —

מינע

איך ווייס, וואָס איר מיינט! נישט קיין תירוץ. איצט איז שטרייק. מלחמה.

ערשטער אָפּרייטאָר

מיט סקעבבאַטשעס איז נישטאָ וואָס צו צערעמאָניען זיך.

ליפמאַן

אַלץ מער אויפגערעגט. מיט היץ, כמעט שטאַמלענדיק

שווייגט, זאָג איך. אויב איר וועט אויפהייבן ווער נאָך אַ בייז וואָרט אויף ראַיען — איך ווייס, וואָס דאָ טוט זיך. איר ווייסט אויך.

ערשטער אָפּרייטאָר

מיט אים נאָך שטימען

מיר ווילן נישט וויסן.

ליפמאַן

וואָס שווייגט איר, מינע? ווי איז, אַז אַ מענטש ראַנגלט זיך און האָט נישט קיין כוח צו באַזיגן? — און איר אַליין, מינע, — און איך — זוכן מיר דען נישט פערזענלעך גליק —

מינע

קוקט אויף ליפמאַנען, ווי ער רעדט. גיט אַ קוק אויף זיך אַליין — ציטערט אויף. האַקט אָפּ מיטאַמאָל ליפמאַנען שאַרף, ווי מיט אַ האַק

גענוג צעקראָכנקייט!

קערט זיך אַוועק, ווי מיט עקל

ראַיע

זאָל מען פירן. זאָל מען משפּטן.

אירע קני ברעכן זיך אונטער. זי לאָזט זיך אַראָפּ צום דיל אַזוי ווי אַן אונטערגעזעצטע. אַלע לויפן צו צו איר. הייבן זי אויף

ליפמאַן

שטויסט אָפּ אַלעמען פון ראַיען. אויך מינען. נעמט ראַיען אונ־טערן אָרעם

קומט מיט מיר. איך וועל אייך פירן אַהיים.

פירט זי גאָך זיך. גייט אַרויס מיט איר. פּויזע

מינע

נאָך אַ לאַנגער פּאַרשט נערטער פּויזע

און מיר — אין האָל צוריק.

אַלע אָפּ

לייזער

צו זיך

אַך, קינדערלעך.

גולד

קומט אַרויס

פאַרמאַכט אַלע טירן. גיט אַכטונג. היט. שאַפּ בלייבט שאַפּ.

אָפּ

לייזער

לעשט אויס די פייערן. אין דער פינצטער

אַכטונג געבן גוט, היטן. שומר — וואָס בין איך פאַר אַ שומר? היטן ביין גוטס אויף לעצטער עלטער.

קריכט צו אַ פענצטער, רייסט אַראָפּ דעם פאָרהאַנג. ליכט פון בא־גינען שלאָגט אין שאַפּ. לייזער מיט טרערן

איך — דער שומר. דער שומר.

פ אָ ר ה אַ נ ג

פערטער אַקט

שבת. צווועלף באַטאָג. דער שאַפּ איז אויסגעדעקאָרירט אין אַלערליי קאָלירטע לענטעס. דער פאָרהאַנג עפנט זיך, ווען די אַרבעט האַלט אין ענדיקן זיך. אַלע אויף זייערע פּלעצער. מאַשינען שטעלן זיך אָפּ. איידער די אַרבעטער האָבן צייט געהאַט אויפֿצוהייבן זיך, נעמט בער דאָס וואָרט, זאָגט הויך איבערן גאַנצן שאַפּ

בער

מיט אַ טאָן פון אַ רעדנער

איך בין מכריז ומודיע — קיינער זאָל נישט איילן אַהיים אַוועקצוגיין. איר אַלע ווייסט שוין — פונדעסטוועגן, איז נאָכאַמאָל — איז אָט: איך בין מכריז ומודיע, אַז מיר פּראַוועון היינט אַ שאַפּ־פּאַרדי לכבוד אונזער קווין גוידי, און לכבוד לייבלען, — איז אָט, וועלכע זענען אין צייט פון שטרייק געוואָרן חתן־כּלה, און וועמעס חתונה עס וועט זיין היינט באַנאַכט, ווי עס געהער צו זיין.

אַפּלאָדיסמענטן

ערשטער אָפּרייטאָר

אַ גאַנצער רעדנער געוואָרן.

בער

וואָס לערנט מען זיך נישט אויס אין אַמעריקע? וואַ? און נאָך אין אַ שטרייק. איז אָט — אַ מחיה, זאָג איך אייך, ברידער, אַז מען שטרייקט, און אַז מען געווינט, ווי עס געהער צו זיין. אין אַנבאַטראַכט גענומען.

שטימען

צום פונקט!

ערשטער אָפּרייטאָר

לשון, לשון, אָן טרימינג.

בער

איז אָט. צוזאַמען מיטן שטרייק, וואָס מיר האָבן אַזוי פיין אויסגעפירט, האָבן מיר אויסגעפירט אַזאַ טייערן שידוך. יעס. ווען מיר פראַווען אַ כפל־שמונהדיקע שמחה, ווי עס געהער צו זיין. און כאָטש אונזער גוידי צעזעגנט זיך נישט מיט אונז אינגאַנצן —

גוידי

אוודאי נישט. איך סטאַפּ נאָך נישט פון דער אַרבעט.

בער

און אָט. יעס. אונזער גוידי איז נישט פון די, וואָס ווען זיך שעמען צו גיין אַרבעטן נאָך דער חתונה. יעס. ברידער און שוועסטער, אָבער אונזער פאַרדי דאַרפן מיר פראַווען, ווי עס געהער צו זיין. יעס, אין אַלגעמיין גענומען עולם הייבט זיך אָן פונאַנדערררוקן איז אָט, ברידער, אָרדנונג, אָרדנונג. ס'איז נישט קיין יוניאָן־מיטינג. מיר זענען אַלע דאָ אין אַנבאַטראַכט, כאָטש אין אַלגעמיין גענומען — מיר האָבן גוטע זאַכן און מתנות. דער שאַפּ איז אויסגעפוצט, אָבער עס איז ווייניק. יעס, מען זאָל אויספוצן אויך די מאַשינען,

און אויך די כלה אויספוצן, ווי עס געהער צו זיין. און אָט בין איך מכריז ומודיע, אַז ליפּמאַן וועט זיין אונטערפירער פון חתנס צד.

אַפּלאָדיסמענטן

ליפּמאַן

ניין, ניין.

בער

מיך מוז מען פאָלגן היינט, ווי עס געהער צו זיין.

ליפּמאַן

איך קען נישט. איך בעט אייך.

בער

און מינע, די אונטערפירערין פון כלהס צד.

מינע

איך נעם אָן.

אַפּלאָדיסמענטן

ערשטער אָפּרייטאָר

גיט אונז עפּעס אַ דזשאַב. מירן פירן.

בער

אָלרייט, אָלרייט. איז אָט. איך בעט זיין שטיל. יעס. אַהינטערגיין, מיידלעך, נעמט זיך פאַר די מאַשינען אויספוצן, און בלומען זאָל מען ברענגען, ווי עס געהער צו זיין. און איר, טייערע גוידי, איר מישט זיך נישט. זייט שטיל. ווי עס פאַסט פאַר אַ שיינע כלה, ווי איר. פאָלגט, וואָס מען זאָגט אייך. לאָזט זיך אויספוצן וואָס שענער. אין אַנבאַטראַכט גענומען. און דו אויך, לייבל, יעס סער, אין אַל־

געמיין, מיש זיך נישט. דערזעט שלמה-חיימען אריינקומענדיק אָ, אָט איז ר' שלמה-חיים אויך. געקומען צו דער פּאַרדי, האַ? אַהינטערגיין. אַלע. אַלע.

דער גאַנצער עולם אַפּ אין הינטערגרונט. בער און די מיידלעך נעמען זיך דעקאָרירן די טישן. באַרקאַן דרייט זיך ארום. פילט זיך, זעט מען, נישט גוט. מען זעט, ער וויל צוגיין צו ראַיען און וואַגט נישט. ראַיע זיצט פּאַררוקט אין אַ ווינקל און קוקט נישט אויף אים. ליפּמאַן איז אויך אומעטיק, שטייט אַן דער זייט, אַריינגעטון אין אַ צייטונג. מינע, פאַרקערט, זעט אויס צו זיין אויפגעלייגט, נעמט אַנטייל אין די באַפּוצונגען, אָבער מען זעט, אַז זי איז אויפמערקזאַם צו יעדער באַוועגונג פון ליפּמאַנען. לייבל קומט צו צו ליפּמאַנען, שטעלט זיך הינטער זיין פּלייצע, קוקט אויך אַריין אין צייטונג

לייבל

איך שטער אייך נישט? חבר ליפּמאַן?

ליפּמאַן

מיט גוטמוטיקן שמייכל

ניין, איר שטערט נישט.

לייבל

איר שמייכלט, וואָס איך רוף אייך חבר, יאָ?

ווערט רויט

ליפּמאַן

מען דאַרף נישט רויט ווערן דערפון.

לייבל

פאַר דער צייט פון שטרייק האָב איך אייך ליב געקריגן. פאַרשטאַמלט זיך איך בין דאָך נאָך אַ יינגל קייגן אייך.

ליפּמאַן

נו, איז וואָס?

לייבל

איר זענט אַזוי אַקטיוו געווען. אַלע האָבן אייך באַוואונדערט. איר זענט מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. איר מישט זיך נישט אין קיין זאַך.

ליפּמאַן

בין שוין אַן אַלטער מאַן, לייבל.

לייבל

אייך געפעלט עפּעס דאָ נישט, מסתמא. אָדער מיר געפעלן אייך נישט.

ליפּמאַן

איר געפעלט מיר אַלע. איך בין שטיל געוואָרן, זאָגט איר. וואָס הייסט שטיל געוואָרן? די מאַשינען דרייען זיך ווידער, און מיר אַלע צוריק אויף אונזערע פּלעצער.

לייבל

אָבער מיר האָבן דאָך אַזוי פיל געוואונען. דאַרפן מיר דאָך זיין פריילעך.

ליפּמאַן

שמייכלט בלאַס

איך בין פריילעך. איר זענט נאָך גאָר אַ יינג יינגל, און איר האָט שוין חתונה. איר האָט שטאַרק ליב גוידין?

ליבל

יאָ.

ליפּמאַן

זי האָט אייך אויך ליב. זי איז אַ ווילע. איר האָט געלט איינצו־אָרדנען זיך?

ליבל

מיר וועלן ביידע גיין אַרבעטן און פאַרדינען.

ליפּמאַן

יאָ. ס'איז פיין אַזוי. זייט גליקלעך ביידע.

ליבל

איך דאַנק אייך.

ליפּמאַן

אָט איז אין צייטונג די גאַנצע באַשרייבונג פון דינסטיק נאַכט. מיט אויפשפרונג זעט, מיסטער וואָלף ציט זיך צוריק פון די ביזנעס.

ליבל

איבערן גאַנצן שאַפ

הערט נאָר, מיסטער וואָלף גייט אַרויס פון די ביזנעס.

די נייעס מאַכט אַן איינדרוק. דער עולם לויפט אַן אַרום ליפּמאַנען. קוקט אין צייטונג

ליפּמאַן

צערייסט נישט די צייטונג.

בער

שטויסט דעם עולם אויף צוריק

שטייט נישט אין וועג, פליז. צום אַלטן לייזער, וועלכער שטויסט זיך אויך צווישן עולם איר'ט קומען שפּעטער. גייט.

לייזער

וואָלף פאַרלאָזט אונז. אויף וועמען פאַרלאָזט ער מיך — זיין אַלטן חבר?

בער

גייט פונדאַנען.

לייזער אָפּ

ליבל

קומט ווידער צו ליפּמאַנען

מינע בעט די צייטונג אויף אַ ווײַלע.

ליפּמאַן

דערשראָקן

וואָס הייסט זי בעט? אַ שליח דאַרף מען דערצו?

ליבל

איך ווייס נישט.

ליפּמאַן

גייט צו צו ראַיען

מען קען זיך זעצן לעבן אייך?

ר אַ י ע

דורך די ציין

איך פאַרלאַנג נישט פון קיינעם קיין רחמנות.

ל י פ מ אַ ן

צו וואָס אַזוי בייז?

ר אַ י ע

וואָס קוקט איר מיר נאָך? איר היט מיך.

ל י פ מ אַ ן

פאַרוואָס זאָל איך אייך היטן?

ר אַ י ע

איך זע, איר קוקט מיר נאָך. נישט אייערע דאגות מיך צו היטן.

אָפּ מיט כעס

ל י פ מ אַ ן

צו לייבלען

איך האָב מורא פאַר איר. איר וואָלט באַדאַרפט זען אירע אויגן?

מ י נ ע

קומט צו

איר זשאַלעוועט די צייטונג?

ל י פ מ אַ ן

שמייכלט

אַזוי אומאָנגענעם איז אייך געוואָרן צוצוגיין צו מיר?

מ י נ ע

איר האַלט אַזוי אין אויסמיידן מיך פאַר די צוויי טעג, וואָס מיר אַרבעטן צוריק, אַז ס'איז מאָדנע.

ל י פ מ אַ ן

און איר מיידט מיך אויס.

מ י נ ע

איר בלאָזט אָן אַזוי אייער שטילקייט —

ל י פ מ אַ ן

און איר בלאָזט אָן אַזוי אייער פרייד —

מ י נ ע

איר ווילט דורכאויס קריגן זיך.

ל י פ מ אַ ן

נאָך אַ פּויזע

איר ווילט דאָך לייענען וועגן וואָלפן.

דערלאַנגט איר די צייטונג

מ י נ ע

נעמט די צייטונג, לייענט

פיין! אַ גרויסע טאַט! אייך האָט עס געדאַרפט פרייען.

ל י פ מ אַ ן

פרייט עס. און אייך?

מ י נ ע

זייער. דאָס איז נאָך גרעסער, ווי אַרויסצווייזן רחמנות צום צע־קראָכענעם צער.

ל י פ מ אַ ן

שאַרף

צו מענטשלעכן צער. באַ אייך איז דאָך מענטש אַליין גאָרנישט.

מ י נ ע

יאָ. מענטש אַליין איז נאָך גאָרנישט. ער ליידט, — אַ וואָרעם ליידט אויך. גובר זיין — אָט וואָס עס מאַכט אים גרויס. איר זענט אין כעס אויף מיר זינט יענע נאַכט מיט ראַיען. איר האָט זיך דערווייטערט פון מיר. געפעלט עס מיר, ווייל איך ווייס, וויפיל עס קאָסט אייך דאָסדאָזיקע דערווייטערן זיך.

ל י פ מ אַ ן

איר ווייסט?

מ י נ ע

יאָ. אָבער איר ווייסט דאָך אויך, וויפיל מיך האָט געקאָסט דאָס אַרויסרייסן פון האַרצן דעם נאָמען וואָלף. איך האָב אַרויסגעריסן. אויף אייביק. און איר ווייסט, דאַכט זיך, אויך, וויפיל עס קאָסט מיך אייער דערווייטערן זיך פון מיר. צי איר ווייסט נישט?

ל י פ מ אַ ן

איך ווייס עס יאָ?

מ י נ ע

נו, איז גוט. וועל איך אייך זאָגן, עס איז געווען מאָדנע אייער רעדן צו מיר דעמאָלט נאַכט. מיך געשטעלט צום נסיון. — איר ווייסט אַליין נישט, ווי שאַרף איר האָט מיר אויפגעשניטן דאָס האַרץ.

ל י פ מ אַ ן

מיט געבעט

מינע.

מ י נ ע

ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל. שווייגט.

ל י פ מ אַ ן

איך האָב אייך ליב.

מ י נ ע

איך ווייס דאָס. איר ווייסט אויך, ווי איך האָב אייך ליב. פונדעסטוועגן זענען מיר צוויי קעגנער.

ל י פ מ אַ ן

זענען מיר?

מ י נ ע

יאָ, קעגנער.

פיליפ און היימי גייען פאַרביי

פ י ל י פ

צו היימין

קום אַהיים.

ה י י מ י

איך וועל וואַרטן. מיינסט, אַז דער שאַפ ווייסט נישט, ווער עס האָט געסקעבט? איך שעם מיך.

פ י ל י פ

איך גיי אַהיים.

אָפּ. היימי אויך. ראַיע קומט, באַרקאַן נאָך איר. אין הינטערגרונט טומלט מען און מען זינגט

באַרקאַן

צו ראַיען

אָבער לאָזט מיך אויסרעדן אַ וואָרט!

ראַיע

איר האָט צו מיר נישט וואָס צו רעדן.

עס קומט צו וווּלף. באַרקאַן אָפּ. וווּלף צו ראַיען

וווּלף

וואָס מאַכט איר, ראַיע?

ראַיע

לאָזט מיך!

וווּלף

פאַרלוירן

מיר וועלן זיך שוין נישט זען מער.

ראַיע

גיט אויף אים אַ קוק שאַרף

שוין קיינמאָל נישט.

וווּלף

געפינט זיך נישט קיין אָרט. צו בערן

איר האָט געוועט, האַ?

בער

יעס, מיסטער וווּלף.

וווּלף

מעג איך אייך ברענגען בלומען?

בער

וואָרום נישט?

וווּלף

איך פאַרלאָז אייך שוין. עס פרייט אייך?

בער

פאַרן שאַפּ איז אַלציינס.

וווּלף

עלנט

יאָ, אַלציינס.

מינע גייט פאַרביי, שטעלט זיך אָפּ נישט ווילנדיק

מינע

צו וווּלפן

עס פרייט מיך זייער.

וווּלף

יאָ?

מינע

איך פיל אַזש צו דאַנקען אייך דערפאַר.

ווּלף

ראָס אַלץ, וואָס איר פילט?

מינע

איר וואַרט דאָך נישט אויף קיין שכר פאַר אייער גוטן טאַט.

ווּלף

ניין.

מינע

איר באַדאַרפט זיך פילן גליקלעך.

ווּלף

פון וואָס?

מינע

פון זיך אַליין. פון אייגענעם כּוח.

ווּלף

איך בין גליקלעך.

מינע

און איר זעט אויס אַזוי מיד, בלייך — אַנטשוּל'דיקט, איך בין פאַרי־נומען.

אָפּ. נייגט זיך.

ווּלף

צו באַרקאַנען, וועלכער דערנענטערט זיך א צעטומלטער.

מעג איך אייך ברענגען בלומען?

באַרקאַן

ווילד

וואָס ווילט איר?

ווּלף

גאָרנישט, גאָרנישט. ס'מאַכט נישט. יאָ, פאַרן שאַפ איז אַלצ־איינס.

אָפּ. פאַרשעמטערהייט

באַרקאַן

צו ראַיען, וועלכע שטייט א צוגעפאַלענע צו דער וואַנט

ראַיע.

ראַיע

רופט צוזאַמען דעם גאַנצן שאַפּ, און זייט זיך מודה פאַר אַלע־מען.

באַרקאַן

שטעלט אויס א פּאָר אויגן

וואָס?!

ראַיע

זייט זיך מודה און בעט מחילה.

באַרקאַן

איך זאָל בעטן מחילה?

ראַיע

נעמט אַרונטער די שאַנד פון זיך און אויך פון מיר. איך האַלט מיין מויל פאַרשלאָסן. איך האָב אַלץ גענומען אויף זיך. איך

וואָלט עס געטראָגן, ווען איר מאַכט נאָך נישט חוזק פון דער משא.

באַרקאַן

ווער הייסט אייך מאַכן פון דעם אַזאַ משא?

ראַיע

איך בין אַן אַרבעטערין. שוין צוואָנציק יאָר. מיט ציטער באַרקאַן, ס'איז מיין לעצט געבעט, מיין לעצטע האָפנונג.

באַרקאַן

אַזוינס צו פאַרלאַנגען פון מיר?

ראַיע

נעמט אים פאַר א האַנט

ס'וואָלט דאָך געוואָרן אַזוי ליכטיק.

באַרקאַן

וואָס בין איך אַ ייִנגל? איך זאָל בעטן מחילה באַם שאַף.

ראַיע

מיר האָבן געזינדיקט ביידע. אַליין וועט שאַף נישט מוחל זיין. שאַף וועט נעמען נקמה.

באַרקאַן

בישט דערלעבן וועט דאָס דער שאַף!

ראַיע

איך וועל אויך נישט מוחל זיין! נישט אייך, נישט זיך. איך בין שאַף!

באַרקאַן

אָ, איר מאַכט מיך משוגע. איך גיי אַהיים.

אָפּ האַסטיק

קיידי און סיידי טאַנצן אַריין און שרייען: פאַרטיק, פאַרטיק

בער

אַהערצו, עולם. זאָל מען ברענגען חתן־כלה צו פירן. אָפּרייטאָרס, זייט איר די קלעזמער. נעמט די שערן, די פרעסלעך, די פינגער־הוטס.

די מאַשינען זענען אויסגעפּוצט, די טישן באַדעקט מיט רויטן. בלומען, פרוכט, קענדי. מען פירט גוידין און לייבלען. גוידי איז אָנגעטון אין ווייסן, מיט אַ רויטער קרוין אויפן קאָפּ, אויף איר האַלז אַ קראַנץ פון קנעפּ. די אָפּ־ייטאָרס קלאַפּן און צימבלען מיט פרעסן, שערן און אַנדערע מכשירים. אַלע איבעריקע האַלטן אין די הענט אָרשינען, אָנגעצויגענע פינגערהוטן, וואָס קלינגען ווי גלעקלעך

ערשטער אָפּרייטאָר

גייט פאָרויס און זינגט אין פאַראַדיע־טאָן

חתנדל, כלהשע,
פינגערהוט, קנעפּעלעך —
אַ שער אין די העלזעלעך,
אַ פרעס איבער קעפּעלעך,
אַ דריי פון מאַשינעלע —
מאַשינעלע זינגערל,

א צי פאַרן רימענדל —
א נאָדל אין פינגערל.

מען זעצט אוועק גוידין און לייבלען באַם רויט־פאַרפּוצטן טיש

בער

דערלאַנגט גוידין אַ בוקעט בלומען

אָט דאָס איז פון אונז אַלעמען. אין אָנבאַטראַכט גענומען.

גוידי

אַ דאַנק, אַ דאַנק. זאָג דו אויך אַ דאַנק, לייבל, שעם זיך נישט.

לייבל

איך דאַנק טאַקע.

גוידי

נו, זאָל מען נעמען טאַנצן.

בער

וואַרט, גוידעלע. ביסט אַ כּלה — טאָ פאָלג. מיר וועלן נאָך טאַנצן אויך. אַ פריער דאַרפן מיר אַ ביסל דיר אַריינזאָגן. אין אַלגעמיין גענומען. איך בין מכבד מיט אַ טאָסט מינען.

אַפּלאָדיסמענטן

מינע

פאַרדעקט איר פּנים. שטייט אַ היפּשע ווײַלע אַ פאַרזונקענע אין זיך. רײַסט אַוועק די הענט פון פּנים

וואָס זאָל איך זאָגן? אפשר זאָגן דאָס פּשוטסטע. איר זענט אונז

טײַער, גוידי. איר זענט אַ שיינע כּלה. איר זענט יינג, און איר זענט אונזערע. איר אויך, לייבל — מיר האָבן אײַך ליב. נאָך אַזאַ גרויסן זיג — אַזאַ ליבע שמחה. אונזער שאַפּ זינגט היינט. אַנדערע זאָגן, אַז שאַפּ איז אומזין. אַ ליגנט! — אַרבעט — דער זין פון דער וועלט. אַזוי ווי שיינקייט, אַזוי ווי ליבשאַפט. מיר, אַרבעטער, דאַרפן ווערן דער זין פון דער וועלט. אויב עפּעס קלעמט אין האַרץ, אַרויסרײַסן עס. וואָרים אויב נישט, איך זאָג אײַך אָפן: איך וואָלט אפשר איצט אַליין אַנטלאָפן ערגעץ — *איר קול הייבט זיך אָן ווערן, וויל אויסברעכן אין געוויין, פאַרכאַפּט זיך צוריק ביין, ביין. כאַפּט אַרום גוידין און דריקט זי צו זיך* זײַט גליקלעך, גליקלעך — אַזוי גוט איז יינג זײַן.

גוידי

איר וויינט? מינע.

מינע

שטיל וויינענדיק

ס'איז מיר גוט מיט אײַך.

בער

און איצט ליפּמאַן.

ליפּמאַן

איך קען היינט נישט רעדן.

שטימען

ליפּמאַן! ליפּמאַן!

ערשטער אָפּרייטאָר

געננוג, גענוג. זאָל מען עפּעס אין מויל אַרײַן נעמען.

בער

נו, גוט. זייט זיך מכבד.

דער עולם נעמט פון די פרוכס און קענדי

ערשטער אָפּרייטאָר

קומט אַהער, מיסטער לייזער, שטייט נישט פון ווייטנס.

לייזער

אָי, אַ שנעפּסעלע, ברידערלעך, וואָלט גוט געווען.

ערשטער אָפּרייטאָר

אָנגעגרייט. אָט *שלעפּט ארויס א פלאש פון קעשענע, גיסט אין גלעזלעך, דערלאנגט אלעמען* טרינקט, אָפּרייטאָרלעך, טרינקט זיידענע העלזעלעך. *צו לייזערן* אָט אַזוי. דרשות האַלטן — וואָס פאַר אַ דרשות? אַלץ, וואָס איר רעדט, איז נאָר טרימינגס, ווערטערלעך אַזוינע. איר האָט חתונה געהאַט — גוט. וואָס דען? מען דאַרף חתונה האָבן. און זייט בּאָיעס. איר זענט געווען גוטע שטרייקער — אַ דאַנק קומט אייך. וואָס? וואָס דען אַנדערש? — סקעבּאַטשעס וועט איר זיין? די ריפּן וועט מען אייך צעבּרעכן. מיר האָבן גענוג סקעבּאַ-טשעס.

שטימען

גענוג, גענוג.

ערשטער אָפּרייטאָר

דערזעט גולדן ארויסקומענדיק פון אָפיס, שפּרינגט צו צו אים שעלמיש מיט א גלעזל שנאפּס אין האנט

טרינקט, מיסטער גולד.

גולד, א פארשעמטער, נאָך א וואקלען זיך נעמט דאָס גלעזל

ערשטער אָפּרייטאָר

אם ירצה השם איבער-אַ-יאָר צו אַ נייעם שטרייק.

געלעכטער-אויסברוך, גולד אָפּ

לייזער

שיכורלעך

אוי, ברידערלעך, וואָלף גייט דאָך אַוועק. איז עפּעס גאָרנישט בּאַ אייך, ברידערלעך? גיט נאָך אַ גלעזעלע, גיט. לאַנג נישט געטרונ-קען, — איז דאָס עפּעס גאָרנישט בּאַ אייך? — איך אַליין בּלייב איבער מיט די מאַשינען. בּאַנאַכט. אַליין. איז דאָס עפּעס גאָר-נישט בּאַ אייך? און ווי איז, אַז איך נעם און שטאַרב, האַ? אַז איך נעם און שטאַרב צווישן די מאַשינען! איז דאָס עפּעס גאָרנישט בּאַ אייך?

וויינט

ערשטער אָפּרייטאָר

נו, שאַ, שאַ. טרינקט נאָך אַ גלעזעלע.

דער אלטער טרינקט

ערשטער אָפּרייטאָר

צו שלמה-חיימען

וואָס שטייט איר פון ווייטן, ר' שלמה-חיים, קומט אַהער נענטער. דערציילט איינע פון אייערע מעשהלעך.

שלמה-חיים

נו, וואָס איז דאָ צו דערציילן?

ערשטער אָפּרייטאָר

דערציילט. זעצט זיך אָט-דאָ, און דערציילט.

שלמה־חיים

זעצט זיך און דערציילט

...איז דהינו — וואָס? אַ מעשה, וואָס מע דערציילט וועגן דעם הייליקן אָפּריטאָרל. אַי, אַי. איז די מעשה אַזאַ. געווען אַמאָל אַן אָפּרייטאָרל. איז אים אָנגעחתמעט געוואָרן פון אויבן, אַז גאָר פון אויבן, אַז ער, דאָס אָפּרייטאָרל, זאָל אַראָפּברענגען משיחן. דהינו — ווי אַזוי? גאָר פּשוט. אַז ער וועט אויפנייען אַזויפיל און אַזויפיל הויזן — דהינו, אַ מיליאָן, צי צוויי, און אפשר דריי מיליאָן הויזן — עס זאָל זיין דער נויטיקער מספר — איז ווי נאָר ער וועט האַלטן באַם נויטיקן מספר — וועט קומען משיח. נו, האָט דאָס אָפּרייטאָרל געניייט און גענייט, און גענייט דאָס גאַנצע לעבן זיינס, און קוים אַ צענדליק טויזנט פּאָר הויזן דערוויזן אויפצונייען. אין מיטאַמאָל געגומען און נפטר געוואָרן. אַי, אַי. וואָס זשע וועט זיין? ווי אַזוי וועט משיח קומען? ערד און הימל האָבן חיינען גענומען, און דאָס געוויין איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז דער־גאַנגען אַזש צום אָפּרייטאָרל אין קבר אַריין. און אַז דאָס הייליקע אָפּרייטאָרל האָט דערהערט דאָס געוויין פון דער וועלט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין קבר אין אַ מיטן נאַכט און געקומען צו־ריק אין זיין שאַפּקע אַריין, אַוועקגעזעצט זיך באַ זיין מאַשין, און גענומען נייען די נאָך נישט אויפגענייטע הויזן. און אַז העגער האָבן גענומען קרייען, איז ער צוריק אַוועק אין קבר צו זיך. און אויף דער צווייטער נאַכט איז ער ווידער געקומען. און אַזוי נאַכט נאָך נאַכט, ביז היינט נאָך, שטייט ער אויף פון זיין קבר, און קומט אי[n] שאַפּקע אַריין, און נייט, און נייט, און נייט, און צום אָנגעחתמעטן מספר איז נאָך ווייט. אַי, ווייט — דהינו וואָס? אַי, אַי, אַי. אָט אַזוי איז די מעשה. —

אַלע

בראַוואָ, בראַוואָ!

ערשטער אָפּרייטאָר

סאָם אָפּרייטאָרל — אַ כאָל־ערע אין די זייטן. נו, און דאָס, וואָס מיר נייען, גייט נישט אין חשבון, האַ? זרינקט אַ גלעזל, ר' שלמה־חיים, און זאָל אַריינקומען דאָס הייליקע אָפּרייטאָרל, וועט ער אויך קריגן אַ גלעזעלע — אַ כאָליערע אין די זייטן — טרינקט. טרינקט. —

ליפּמאַן הייבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ, גייט צו צו ראַיען, זעצט זיך לעבן איר

בער

איר דאַרפט זיצן לעבן חתן.

ליפּמאַן

איך וויל זיצן לעבן ראַיען.

ראַיע

שפּרינגט אויף

איך בעט אייך נישט זיצן לעבן מיר.

ליפּמאַן

באַרויקט אייך.

ראַיע

אַזוי ווי זי וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אויפ־צושפּרינגען. איר פּנים ווערט פאַרענדערט, שטאַליק און אויס־געצויגן, די ליפּן טרוקן און בלייך. זי רעדט מיט אַ קול, אַז אָט, דאַכט זיך, וועט עס זיך איבערברעכן. אַלע קוקן זי אָן מיט שטוינונג

איך בין באַרויקט. איך בעט אייך נישט איר זאָלט מיך טרייסטן. גייט אַוועק פון מיר, איך דאַרף נישט קיינעמס רחמנות. קיינער

רעדט נישט מיט מיר, רעדט איר אויך נישט. איך בין נישט אייערע מער.

ליפמאַן

וואָס איז מיט אייך, ראַיע, ראַיע ?

ראַיע

איך האָב אייך פיינט. אַלעמען. שפּינען. איר האָט מיך אַריינגעכאַפּט, ווי שפּינען כאַפּן אַריין אַ פליג, און שלאָגן זיך, ווער עס זאָל זי פריער אויפעסן.

ליפמאַן

נעמט זי פאַר אַ האַנט

מען דאַרף אַזוי נישט רעדן.

ראיע

אויפגעשטורמט

איר קוקט מיך אָן אַלע, ווי אַ משוגענע. איר זענט אַליין משוגע. איר טאַנצט — איר הוליעט. אויפן צווייטנס לייב טאַנצט איר. אי־בער זיינע ביינער הוליעט איר. איר זענט אָפּלאַכער. נו — לאַכט אָפּ. משפט מיך ! צדיקים, וואָס איר זענט, פאַרוואָס משפט איר מיך נישט ? איר האַלט שערן אין די הענט — שניידט, שלאָגט מיט די פרעסן ! וואָרים האָט איר רחמנות ? צדיקים, איך בין אַ סקעב. אַן אַלטע מויד און אַ סקעב.

גוידי

ווער משפט אייך ?

ראיע

איר — שווייגט ! מען האָט אייך אָנגעטון דאָס קריינדל אויפן

קאָפּ — טאָ זיצט ! וואָס האָט איר אויסגעפּוצט די מאַשינען מיט פאַלשע סטענגעלעך ? זאָלן זיי שטיין נאַקעט ! רייסט די לענטעס פון די מאַשינען. מען כאַפּט זי פאַר די הענט. זי רייסט זיך, שלאָגט זיך, שלײדערט זיך צו גוידין רייס אַרונטער דאָס קריינדל פון קאָפּ. ריי־ טער.

גוידי

טשעפּעט זי נישט, לאָזט זי. נעמט ארום ראַיען מיט ווארעמקייט נו, באַ־ רויקט אייך, בייגט אונטער איר קאָפּ איר ווילט אַרונטעררייסן — נאַט, רייסט.

ראַיע

מיד און שטיל מיטאַמאָל

ניין, ניין, איך דאַרף עס נישט, זייט מיר מוחל, אַלע.

גוידי

זעצט זי אוועק לעבן זיך

מיר זענען אייך מוחל. באַרויקט אייך.

ראַיע

איך בין שוין באַרויקט. האָט קיין פאַראיבל נישט אויף מיר. עפּעס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איצט איז מיר גוט.

גוידי

מיר זענען נישט ברוגז אויף אייך —

ראַיע

טאָ גייט אָן ווייטער מיט אייער פאַרטי, גלעט גוידין איבערן קאָפּ ליבע גוידי, שיינע גוידי, איך דאַנק אייך.

גוידי

פאַרוואָס דאַנקט איר מיר?

ראַיע

פאַר אַלץ. פאַר דעם, וואָס איר זענט אַזאַ שיינע. אַלעמען דאַנק איך. אַלעמען. און איך בין אייך אויך מוחל, ס'איז ליכטיק געוואָרן — איר דאַרפט נאָך טאַנצן —

גוידי

איר אויך מיט אונז —

ראַיע

ווי פאַרכּישופט

טאַנצט דעם טאַנץ פון מאַשין און נאָדל.

גוידי

דעם טאַנץ פון מאַשין און נאָדל.

בער

אַלע אַהער. עפענען די עלעקטריק. טאַנץ פון מאַשין און נאָדל.

אלע הייבן אָן טאנצן. דאָס איז א טאנץ פון פאָרלעך, פון גלייכע ווערטיקאַלע באוועגונגען, ארויף און אראָפּ. געמישט מיט א פלוצלינגדיקן דריי. איינער ארויף, דער צווייטער — ארונטער. באַוועגונגען פון נאָדל. עס ווערן געלאָזט די מאשינען. דאָס גערויש ווערט קאָנטראָלירט. איבערגעהאַקט און אויפגעוועקט נאָכן ריטם פון טענצער. וואָס ווייטער — שנעלער און אימפעטיקער. דער טאנץ צעשפרייט זיך איבערן גאנצן שאפּ. קיין מוזיק, א חוץ מאשינען-ריטם. אלע ציען זיך אריין ווי אין א כּישוף. דאָס געוויינלעכקייט פון טאנץ פארוואנדלט זיך אין עפּעס אזוינס, וואָס גיסט צונויף די מענטשן מיט די מאשינען. שווער און אומהיים-

לעך פון אָנהייב, גייט ער איבער וואָס ווייטער אין א שטורעם. הענט אויסגעשטרעקט, און פנימער — ווי פייער. אין רעכטן ברען, ווען דער טאנץ דערגייט צו עקסטאַז, דערהערן זיך מיטאמאָל פון גאס געשרייען און געפייפערייען. ליפמאַן לויפט אָן פון הינטערגרונט און שרייט: ראַיע איז ארונטערגעפאַלן פון דאך!

טאנץ ווערט איבערגעריסן. מאשינען אָפּגעשטעלט. אלע בלייבן ווי שטיקער פארגליווערטקייטן. גיבן מיטאמאָל א לויף ארויס. גוידי אין אירע באַפּוצונגען בלייבט אליין, ביז זי כאַפּט זיך און רייסט עס אראָפּ פון זיך. לויפט אויך ארויס. מען הערט אמבולאַנס-קלינגעריי. טומלעריי. ס'ווערט שטיל דרויסן. ליפמאַן און מינע זענען נישט ארויסגעלאָפן, געבליבן אין פארשטיינערטקייט. עס רוקט זיך אריין וואָלף. קוקט אויף מינען, גייט צו איר מיט אויסגעשטרעקטע הענט און וויל עפּעס זאָגן. מינע מיט אנטשלאָסנקייט דרייט זיך אוועק פון אים, גייט צו צו ליפמאַנען, לייגט ארויף א האַנט אויף זיין אַקסל

מינע

ליפמאַן, — חבר —

ליפמאַן

קוקט אויף איר שאַרף ווייטיקדיק. שווייגט

מינע

ליפמאַן, קאַמף דאַרף אונז ביידן.

נעמט אים פאַר א האַנט, ליפמאַן לאָזט זיך פירן. ביידע אָפּ

וואָלף

ווי האַלב משוגע. זיין פּנים צעקרימט. ער גיט א שפּרונג צו די מאשינען און לאָזט די עלעקטרישע קראַפט, א ווילדן געלעכטער

רייסט זיך ארויס פון זיין הארץ. ער לויפט ארויס פון „שאַפ", אומוואַרפנדיק מיט די פיס אלץ, וואָס ער באגעגנט, גיט א זעץ מיט דער טיר, אז אלע שויבן ברעכן צוזאמען. שאַפ אליין. מצ-שינען רוישן, רוישן.

פ אָ ר ה אַ נ ג

ניו-יאָרק, 1927

געברויכטע ענגלישע ווערטער אין „שאַפ".

טרימינג — באַפוצונג.
סקעב — שטרייק-ברעכער.
באָם — לומפ.
פיקעט — שטרייק-אויפפאַסער.
דזשענטלמען — הער.
האָל פאַרזאַמלונגס-פלאַץ.
קייקס — יאָלדן.
פאָן — שפאַס.
רייז — הוספה.
באָיעס — בחורים.
אָלרייט — גוט.
גרינהאָרנס — גרינע.
פלייז — ביטע.
קענדי — צוקערקעס.
טיינקס — אַ דאַנק.
דאָן וואָרי — נישט געזאָרגט.
סעטלען — שליכטן.
פאַרטי — אַ הוליאַנקע.
קווין — קעניגין.
סטאַפּן — אויפהערן, אָפשטעלן.
דזשאַב — שטעלע.
אַי דאָן קער — מיך אַרט נישט.
קאַטערס — צושניידער.

אָפּערייטאָרס — שנײַדער, אַרבעטער בײַם מאַשין.
פינישערס — אַרויסענדיקער.
אַמבולאַנס — האָספּיטאַל־וואָגן.
באָסעס — באַלעבאַטים
דזשענעראַל־סטרייק — גענעראַל־שטרייק.
וואַטס מעדער? — סטייטש! וואָס הייסט?
פּיי — געצאָלט. שכירות.
אַי לייק הים — איך האָב אים ליב.
לאַליפּאַפּ — צוקערל.
דאַטס ענאָף — גענוג זאָל זיין!
קיפּ קווייעט — שטיל זאָל זיין!
קאָרנערס — ראָגן פון גאַסן.
יו אַר העפּי — ביסט פריילעך!
ליידי — דאַמע.
סענדוויטש — צוזאַמענגעלייגטע צוויי שטיקלעך ברויט מיט פלייש אָדער גרינס צווישן.
פּאַקעט — קעשענע.
וואַטשמאַן — שומר.
דזשעז — ראַשיקער טאַנץ.
באָנטש — בינטל.